STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08171

DI VELT IZ ON A HITER

Malka Locker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08171-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657081713T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מלכה לאָקער

די וועלט
איז
אַן אַ היטער

פאַרלאַג „אידישער קעמפער"
ניו־יאָרק
1947

Copyright, 1947, *by*
MALKA LOCKER

PRINTED IN THE U. S. A. BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET NEW YORK 3, N. Y.

בלעטער פון אַ טאָג־בוך

(1945 — 1940)


Michel

אינהאַלט

הקדמה ix
אַצינדערט רעדט אַ שטיין צו שטיינער 3
די שטאָט ברעקלט זיך 4
אַוועקעווישט אַ ראָג פון גאַס 5
דם ואש 6
ס׳העגנגען טעג 7
כוואַליעס 8
פראָפעלער 9
די פלאַזשעסביים ברעג 10
נאַכט ליגט שוואַרץ און שווער 11
בעלגראַד ליגט אין חורבות 12
די בימה איז אָפן 13
די זיילן זיינען פון לויטער נעפל 14
אַסטמאַטיש ניכטערנע טעג 15
גאַנצע טעקסטן קוקן מיט תרעומות 16
דער זייגער שלאָגט ניין 17
ווי אַ חורבה פאַלט די נאַכט 18
חושך דעקט צו דעם הקדש 19
פרויען פאַרוואָגלטע איבערן שליאַך 20
און איך הער די „ניוס״ 21
דער אָריענט שטייט אין פלאַמען 22
די צייט איז געלאָדן 23
די גאַסן זיינען אַביסל דול 24
צען אַזייגער אינדערפרי 25
די נאַציס אין סיריע 26
נייעס 27
קרעטאַ 28
די „הוד״ איז געזונקען 29
די „ביסמאַרק״ איז געזונקען 30
פרילינג איבער דער ערד 31
זייגערס 32
די צייט שטייט ניט 33

אונזערע טרופּן אין דמשק 34
מיר מישן פּרשות געשיכטע 36
די גראָז אויף דער „היס״ 37
אַריינשפּאַצירט... 38
דורך מיין פענצטער גליט 39
איך בין אַ קינד פון מיין צייט 40
האַרבסט 41
און ווער ווייסט צי איז כדאי 42
אַן אויסגעוועפּטע זקנה שטייט די תקופה 43
פּאָל קאָלעט 44
גרין און קופּער און בראָנז 45
זיי ברענגען דעם שניט 46
עשרת ימי תשובה 47
מענטשן לעבן אַלע טאָג... 48
ימים נוראים 49
דער ברעג איז פרעמד 50
געלויבט ביסטו גאָט 51
עקסעטער 52
דער מאָרגן איז אויסגעוואַשן 53
אין די טעג ווען מיין הויז פאַלט איין 54
סוף סעפּטעמבער 55
די נייעס 56
די לעצטע בלעטער פאַלן 57
ממעמקים 58
פון הר מוריה האָט דער פעלז 59
גאָט האָט פאַרלאָזן די משמרות 60
די ערד איז ווייך 61
מי במים ומי באש 62
עס רעדט דער פּרעזידענט 63
דער שטילער אָקעאַן 64
דעם ווייסן באַדעקנס איבערן סטעפּ 65
אין מאיאַמי איז די יונגפרוי 66
די נאַציס נעמען זיך טאָברוק 67
אַ סך וואַסערן האָבן זיך רויט געפאַרבט 68
אָפּגעגאָלטע קאָרנפעלדער 69
עס טאָגט אין רעדהיל 71
גאָטס איז די ערד 72

ניט אויף דער וועלט 73
עס איז קילער און שטילער 74
שוואַרצע קראָען איבער סטאַלינגראַד 75
קראָען, קראָען 76
אַ צייט פֿאַר מסחר 77
די זון האָט זיך אָפּגעווענדט 78
נעכטן, נעכטן דאַכט זיך 79
פֿון וואַנען האָט יוסיפֿוס 82
פֿאַראַן צאָלן 83
דערשיטערונג 85
די גרימיקע נאַכט דעקט פֿאַמעלעך אָפּ 86
די ערד איז איינגעשרומפּן 87
צומאָרגנס איז דער שליאַך 88
קום, ברודער 91
בלייבן נאָר די נעכט 92
שלאָף, שלאָף מיין ברודער 93
וואו מיין וויגל איז געשטאַנען, שטייט אַ קבר 94
אַלע מאַסן וואַסערן אויף מיין שטערן 96
זיי אַלע שלאָפֿן 97
ניטאָ קיין ירושה 99
שטעט צעפֿאַלן אין מיין קאָפּ 100
מיין האַרץ זינגט מיין הויז אין טרויער 102
איינע אַליין 103
אין מיר זיצט די נאַכט 105
כ׳וואָלט האַלטן אַ הספּד 106
די ערד זאָל דיר ניט שווער זיין 107
מויערן פֿאַלן, נאָר ניט אין יריחו 108
די זון ברעכט זיך 109
איך וואָלט וועלן קדיש זאָגן 110
לאָז מיך אָפּ, אויסגעבורט 111
דער מאָרגן זיצט אויף מיין שכנ׳ס דאַך 117

הקדמה

די דאָזיקע בלעטער זיינען פאַרשריבן געוואָרן פון „אַ גייער אויף אַ פאַרלוירענעם שליאַך” פון איינעם, וואָס האָט ניט געטאָגט וואו ער האָט גענעכטיקט, בחברותא „מיטן ווינט, וואָס איז אַ בייזער קומפּאַן...”

איראָפּעס שטעט ברענען, נעראָ׳ס טראָגן לאָרבערן אַרום זייערע שלייפן און געפּערלעכע בראַנדפאַקלען אין די הענט און וואַרפן געשפּענצטיקע סילועטן אויף אַ וויסטן שליאַך. דער מטורף־געוואָרענער איראָפּעאישער גייסט זוכט זיך צוצופּאַסן צום „נייעם גייסט” און טאַנצט מיט אים אויף דער אַרענאַ פון אונזער טויט.

אַ גרויסע, דערשראָקענע שטילקייט שפּרייט זיך איבער דער וועלט ווי אַ טויט־ליילעך, שפּרייט זיך און קנייטשט זיך אין יענע טעג פון פאַל פונעם מענטשן. צומאָל ברילט זי, הילעכט מיט בייזע אַליאַרמען; אָבער ס׳איז שטיל. קיינער שרייט נישט. קיינער איז נישט מרעיש עולם.

לוח תרצ״ו און לוח תרצ״ח, מיינע צוויי כאַרשפּילן (אויפ־געפירט אין ווין און לאָנדאָן) באַלאַנגען צו דער זעלבער קאַטע־גאָריע בלעטער ווי „די וועלט איז אַן אַ היטער”, וואָס איז אַ מין טאָגבוך, הגם ניט געשריבן יעדן טאָג, ניט יעדע וואָך, ניט יעדן חודש אַפילו, ניט — לויט אַ פאָראויסגעפּאַסטן באַשלוס בנוגע זיין באַשטימונג; דעריבער זיינען אַ טייל פאַקטן, וואָס זיינען מיר אויסגעקומען זייער טריוויאַל אַנטקעגן דעם רויטן הינטערגרונט פון יענע טעג, פּשוט פאַרצייכנט געוואָרן אין פּראָזע. ווי למשל די בייעס וועגן אַן אַקטריסע אין מאַיאַמי, וואָס באַקלעפּט איר שיינעם גוף מיט צען־דאָלאַר־מאַרקן און יעדער קויפער פון אַ מאַרק מעג זי אַליין אָפּקלעפּן פון איר גוף.

“This is her contribution to the war effort” — האָט די צייַ־טונג מודיע געווען. אָדער די מעשה מיט דער פרוי פונעם ענגלישן

פּיילאָט, וואָס שטייט אויפן גאַס מיט קינד און קייט, פאָטאָגראַפירט מיטן טשעק פון פיר פונט און אַכט שילינג געשענקט פון אַן אידעלן שפּענדער צו באַצאָלן איר דירה־געלט, וכדומה.

אַ טייל בלעטער פעלן אינגאַנצן. דאָס זיינען די, וואָס דער מענטשלעכער לשון האָט ניט קיין אַדעקוואַטע צייכנס פאַר זיי. איך האָב זיי אויסגעלאָזן, כדי זיי זאָלן אין זייער ווייסער אַפּוועזנהייט אונטערשטרייכן דאָס פינצטערע פון מיין טרויער.

⁂

איך ווייס ניט, צי דאַרף איך עפּעס זאָגן וועגן דעם פאָרעם פון מיינע דיכטונגען. אויב איך וואָלט זאָגן, אַז זי איז צוגעפּאַסט צו דעם אופן פון מיינע איבערלעבונגען, צו דעם ריטעם פון מיין דענ־קען, וועט דאָס, האָב איך מורא, מיין לייענער ניט איבערצייגן, הגם דאָס וואָלט דאַרפן זיין גענוג. אָבער ער וועט מיר מוזן גלויבן, אַז די פאָרעם פון מיינע לידער איז געהאַלטן לויט גאַנץ סטריקטע געזעצן, הגם דער גראַם אינטערעסירט מיך לגמרי ניט. פאַראַן גענוג בריות וואָס קענען מיט איבערשטעלן אַ וואָרט אָדער אַ שורה אַרויסקריגן דעם כשר׳סטן גראַם. פּרינציפּיעל האָב איך גאָרניט אַנטקעגן גראַם. זאָל זיך יעדער נוהג זיין דערמיט ווי זיין האַרץ גלוסט, אויב ער ברענגט נאָר דערמיט ניט אַריין קיין טויטע שטעלן אין ליד.

פאַראַן נאָך אַנדערע חטאים. דאָס איז קודם־כל קלישיי אין דער דיכטונג. דערמיט האָט די רעם פון אַ ליד זייער אַ סך צו טאָן. די רעם דאַרף זיין אַזוי ווייט, כדי צו געבן דעם דיכטער די פריי־הייט פאַרן דראַמאַטישן פּערז, די מעגלעכקייט צו פאַרבינדן פאַר־שידענע אידייען מיט פאַרשידענע אַספּעקטן. דער ריטעם קרעס־צענדירט אָדער דימינואירט דאָס דראַמאַטישע, לירישע, מוזיקאַ־לישע אין אַ ליד. די פאָרעם מוז זיין פּרעציז, נאָר גענוג ווייט כדי צו געבן די מעגלעכקייט פאַר באַוועגונג און אָפּצוהיטן פאַר קלישיי. דער פּערזענלעכער טאַקט פונ׳ם דיכטער, וואָס האַנדלט געניי לויט זיין סטריקטן אינערן געזעץ, וואָס קאָרעספּאָנדירט מיט די באַדער־פעניש פון אייגענעם טעמפּעראַמענט, היט אויך אָפּ פון רעטאָריק,

וואָס איז נאָר גוט cum grano salis. דער דאָזיקער טאַקט איז דער איינציקער מאָסשטאַב, די איינציקע גאַראַנטיע.

דער לייענער פון פּאָעזיע האָט אַ פאַרלאַנג נאָך אַ בייט אין דער סביבה, ער דורשט נאָך ים, ווען ער איז מיד פון שטעט, ער זוכט בערג, ווען די טאָלן ווערן צו מאָנאָטאָן — און די דאָזיקע זוכעניש האָט גאָר ניט צו טאָן מיט זוכן סענסאַציעס — זי איז דער דירעקטער היפוך דערפון — דער לייענער, דער מענטש בענקט צו ווערן אַוועקגעטראָגן, צו ווערן דערהויבן.

הייסט דאָס אָבער ניט, אַז דער דיכטער איז מחויב אויסצו־טראַכטן איררעאַלע לאַנדשאַפטן; ניין, ער מוז ברענגען די ווירק־לעכקייט, דאָס רעאַלע אויף אַ נייעם אופן, אויף זיין אוראייגנסטן אופן, ניט איבערגעחזר׳ט, וואָס מיליאָנען האָבן פאַר אים געטאָן, ווען דאָס איז געווען זייער אמת; דער דיכטער מוז, זאָג איך, ברענגען דאָס וואָרט פריש און דירעקט, מיט דעם גאַנצן צויבער, וואָס עס פאַרמאָגט אויב עס איז ניט אָפּגענוצט, ניט אָפּגעריבן. געבראַכט מיט נייע פאַרבינדונגען, קאָרעספּאָנדירט עס מיטן יעדן חפץ אין אוניווערז, און ווערט פריש און ניי, ווי אַ טוי־טראָפּן אין פרי־מאָרגן. עס ווערט ווידער פול פון ווירקלעכקייט און פול פון יענער פיינער סענסיביליטעט, וואָס מיר דערפילן, ווען הינטערן וואָרט שטייט דער מענטש.

דאָס וואָרט איז ניט אַ מטבע, וואָס צירקולירט אויפן מאַרק. דאָס וואָרט איז אַ סימבאָל. דער דיכטער דאַרף עס ווידער דער־הויבן צו אָט דער מדרגה. ער מוז דאָס וואָרט אַליין דערלעבן און עס מחדש זיין. עס איז ניט גענוג צו זאָגן גרין, בלוי, זילבער, הימל; דאָס פּראָבלעם איז צו זאָגען הימל אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע מיליאָנען שיכטונגען קלאָרקייט זאָלן זיך אויפבוישן ווי אַ בלויע קאָפּולע, וואָס איז אַזוי בלוי, ניט כדי צו דינען פאַר אַ גראַם צו גרוי און טוי און אַזוי — די בדחנים אין דער ליריק וועלן דאָס ציען אַד אינפיניטום — דאָס פּראָבלעם איז, צו דערפילן בלוי ווי עס קלינגט און ווי שיין עס איז, אָדער ווי האַרט עס איז. אָדער גרוי למשל: עס הענגט אָפּ פון דער קאָנסטעלאַציע, ווי אַזוי און וואו דאָס וואָרט איז אַוועקגעשטעלט כדי אויסצודריקן בלייערנע עצבות, אָדער אַ

לייכטן אויסגערעגנטן וואָלקן, וואָס איז מחדש ווי מאַיאָווע רעגן, וועלכן מיר דערלעבן ניי יעדעס יאָר.

⁂

אַ וועלט איז פאַר אונזערע אויגן צוזאַמענגעבראָכן, אונזער וועלט. אונזער דיכטער דאַרף פרואוון גלויבן אין די וואונדער פון לעבן, אין די וואונדער פון באַשאַף כדי די דאָזיקע בשורה אַריינ־צוטראָגן אין אונזער לעבן.

ער דאַרף זיך נעמען וואַנדערן איבער די לאַנדשאַפטן פון אונזער שפּראַך. ניט נאָר איבער די סטוקן און פּרעסקן, וואָס תנ"ך האָט אונז געגעבן. אונזער אידיש האָט אַליין געמינצט גענוג וואונדער פון אַ שאַרפער געשליפנקייט פון ברילִיאַנט, פון דער ווייכער הויכקייט פון אַ בלום. בילדער ווי: „איבער אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער געזאָגט געוואָרן"... ניט פאַראַן דאַכט זיך מיר קיין בילד, וואָס דריקט בולטער אויס חורבן, ווייטקייט פון חורבן, וואָס קיינער קען זי ניט אויסמעסטן...

אָדער טאָקע „פעלדער מעסטן?" ברענגט דאָס ניט צוריק די לאַנדשאַפט פון ראש חודש אלול מיט קבר אָבות מיטן גאַנצן אי־דישן בית־עולם? אָט דאָס מיינט: דאָס וואָרט איז אַ סימבאָל. דער דיכטער דאַרף עס באַזעצן אויפן טרוין פון אורשפּרינגלעכקייט און מחדש זיין די שפּראַך.

„די וועלט איז אָן אַ היטער" האָט נאָך ניט קיין בשורה. דער מחבר האָט זיך נאָך ניט אַרויסגעראַנגלט פון די פינצטערקייטן, וואָס זיינען אונז באַפאַלן.

די וועלט איז אָן אַ היטער

1

אַצינדערט רעדט אַ שטיין צו שטיינער,
פּעלזן האָרכן, צעשטיקט אין טאָנען הילעכן אַרצן
אויס עאָנען שיכטונגען.
האָפּערדיק געשפּילטע סטאַטיק פון די שטעט,
פלוצים אויפגעטרייסלט, לייגט זיך ברייט,
פלוצים גרייט פאַר אונטערגאַנג.
גרייט פאַר אונטערגאַנג.

אויפגעשטעלטע אינטערוואַלן, אָן אַ סדר,
אַאַזן, אַטעמפויזן אין דער מדבר,
אָן אַ שוואַנגעזאַנג זינקט די אויבערפלאַך,
זינקט כסדר,
קינדער ליגן אָן אַ דאַך.

איך הער ניט מיינע אייגענע קולות.
דער טאָג איז אומגעלומפּערט לאַנג,
אַ ווינט איז ערגעץ מרעיש עולם
און היענעס וואָיען באַנג אין מדבר...

איך זיץ איינע אַליין אין חושך
אין זעניט פון אונטערגאַנג,
איינע אַליין.
איך הער זיך איין צו גרויס און קליין
און ריידן רעדט נאָר שטיין צו שטיין.

2

די שטאָט ברעקלט זיך און איינגעפאַלענע ווענט דערציילן ניט.
די נבילה פון אַ קאַץ ליגט איינגעקלעמט,
דאָס הויזגעזינט ליגט טיפער, און דער צעשלאָגענער זייגער שטייט.

די צייט איז בחינם, און דער ווייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט.
מענטשן גראָבן.
מיט געצייג, מיט הוילע הענט, גראָבן.
שטויסן זיך אָן כלים, אַ קלאַנג ציטערט פּאַמעלעך, דזשיאיאיאין!

אַ געפאַלענער מזרח קוקט פאַרגלייזט,
אַן עניו, פאַרשעמט,
אינמיטן גאַס זיצט אַ טרעמפּ מיט קלאַפּערנדיקע ציין,
סקריפּעט איינגעשפּאַרט דעם רעפריין פון אַ גאַסן־סאָנג.
„אָ דזשאָני...!"

3

אַוועקגעוווישט אַ ראָג פון גאַס.
די שפּריזינעס אָפּגעדעקט, סאָפּעט אַ מאַטראַץ,
פון אַ טיש אַן איינציקער פוס ווייזט איינגעשפּאַרט צום הימל.
הייזער מיט געבראָכענע גלידער,
אויסגעלאָשענע לאַמטערנס אָן אַ שויב,
אַ קוימען בייגט זיך איין אַ מידער
און ס׳בלאָנקעט וואו אַ טויב,
איינע אַליין.

דער הימל האַרט און הויל,
רויטע צונגען, לאַכעס פון אַ קופּע מיסט,
לעקן מיטן גאַנצן מויל די פּוילקייט.
אויסגעהאַקטע הייזער־ריפּן ליגן אויפן טראָטואַר,
פון אַ פינפטן שטאָק הענגט אַ בית־הכסא,
אין אַ וויטרינע שטייט אַ ביוסט, קוקט
און וואונדערט זיך ווי אַ נאַר...

די גאַסן זיינען אָפּגעגאָלט.
איינצעלנע פאַרבליבענע הייזער הינקען,
לעצטע ציינער אין אַן אַלטן מויל —
„צום פּאָבליק־שעלטער“ ווייזט אַ פייל
אין אַ פּאָסע ליגט אַ פּרויענאייַנהיל, ליגט
און ווייסט זיך ניט אַוואו אַהינצוטאָן...

דם ואש.
גאַסן ברעכן.
געממית׳ט שטאַרצט די שטאָט,
אַ ברוגז׳ע אויף מעסער־שטעכן,
דם ואש.

דער „בלעקאַוט״, אַ שוואַרצער דעקטוך,
נאָר אַן סוד,
לייגט זיך לויטן זונפאַרגאַנג,
לויט געבאָט פון טאָג,
איבער טייכן, איבער ימים,
איבער יעדן ראָג
פון גאַס.

דער בלעקאַוט.
איבער הייזער פאַרשניטן,
איבער ווענט, אָפּגעשיילט פון פלייש,
איבער וואַרעמע היימען, אויף קברים צעביטן.
גאַסן ברעכן.
דם ואש.

דער בלעקאַוט.
אַ שוואַרצער דעקטוך שטיקט.
טירן שרייען פון אַ צעצויגן מויל.
פענצטער גלאָצן אויס ליידיקע אויגנלעכער ;
פון בלעקאַוט געדריקט
שטייט סט. פּאָול, אַ וואונדער־ריז
באַטראָפן און געטראָפן
פון ווי און וויסטעניש צו זיינע פיס...

5

...ס׳הענגען טעג אויסגעשפּאַנטע, קליינע,
איבער דער גאַנצער לענג פון יאָר,
און באַלאַנגען ניט צו קיינעם.
הענגען אויף אַ האָר
קריכן איבערן וועג,
ס׳וועט זיי קיינער ניט באַוויינען...

פאַלן.
פאַלן איינציקווייז, געוואָרגן
מיט דער גאַנצער אומפאָרעם פון זייער וואָגיקייט...

6

כוואַליעס.
שיפן רייטן איבער בערג.
דער אָקעאַן, צעזעגט אין פאַליעס
שוואַרצע שטאָל, שטייגט און פאַלט,
אין ריזן־ריפן פון באַרג און טאָל.

כוואַליעס.
דער אָקעאַן יערט.
שרייט און שפייט פון גרינע ליפן
ווייסן שוים.
שיפן שטויסן אָן אַ באַנק,
באַלקן קראַכן פון אַ תהום,
דעם ים שלינגט שחיטה איבערדאַנק,
כוואַליעס לאַכן אַ בייזן געלעכטער...

כוואַליעס.
פאַרשייטע טעכטער מיט שיפן און פאַליעס
אין אינגעווייד.
שטילקייטן פאַלן, און דער גרויסער פחד.
און שיפן.

פיר, פינף, זעקס נעכט אָן אַלאַרם.
מענטשן שלאָפן וואַרעם אין בעטן.
גם זו לטובה...
אין קאַטאַקאָמבן געפאַקט. מעשה סיראַקיוז.
מענטשן לויפן אַלע נאַכט, אַ פעקל שפלות אויף די פלייצעס.
אַלע נאַכט...

7

פראָפּעלער!
רוי און ריטמיש איבערן קאָפּ.
עקזאַקט, ניכטערן, נאָענט, נעענטער...
וועהיקל אין גאַלאָפּ איבערן גאַס.

קראַך — קראַכן. אויגן אָן טרערן.
די לבנה לייכט איינזאַם אין דער צענטער
נאַכט פון סעפּטעמבער. און הויך.
און דער רויך גייט אויף ווי פון אַ פּאַס.

8

די פלאַזשעסביים ברעג זיינען שוואַרץ.
די שטילקייט ציטערט, איבערן קאַנאַל
די קאַנאָנענהעלזער פאַרשטאַרצטע שטרעקן זיך,
„דער רויטער ים! דער באַלקאַן״!

וואָס ס׳ברענט אין האַרץ איז רויט. העלרויט.
און האָט מורא פאַר דער ווילדערניש נאָך דער שריפה.
טייכן לויפן. טייכן בלוט צוריק און פאָרויס
און עס לויפן טייכן שמועות וועגן די טראַגעדיעס
פון קליינע נאַציאָנען...

9

נאַכט ליגט שוואַרץ און שווער, אין פֿאַרהאַלטענעם גרים,
אַ געקרימטער ניין פֿון דער צייט.
מיט געפּרווירענע פֿינגער קלאַפּן געברווינטע לייד אָן מיין פֿענצטער,
הרימען די טויטן־מער פֿון דער ווייט.

אַלע נעכט און אַלע נייעס טריפֿן אויף מיין האַרץ,
געטאָפּעטע בליי אויף מיין האַרץ, וואו נאַכט ליגט,
שווער און שוואַרץ, אויסגעליפֿערט צו די נייעסן
אויס דער ווילדערניש. צו די נייעסן פֿאַרציקטע,

צו מיין הויז מיט פֿענצטער שטומע
איבער ימים. אומגעלומפּערט שווימען צאָלן אין דער נאַכט.
גלייכע, קרומע אין דער מהומה פֿון אַ שטורעם.
שוואַרצע צעדער פֿאַר מיין טורעם, איך בין מקנא
דיינע שאָטנס, אומבאַוועגט אין די קאָנטורן,

אינמיטן קלימאַקס פֿונעם כאַאָס,
קאָשמאַר אין גרויסע אותיות
רייט איבערן חלל, אָן שלאָף און חלום פֿון פֿאַרבייט,
וואו מתים גייען טאַנצן אין אַ בהלה,
און צאָלן טאַנצן אויף אַ וועט פֿאַר מיינע אויגן,
און אויפֿן בודעם טאַנצט אַ שד.

10

בעלגראַד ליגט אין חורבות,
סאַלאָניקי.
איך ליג אונטער יעדער געפאַלענער וואַנט.
פון ביסקאַיאַ קיין מורמאַנסק,
אַראָפּ קיין סאַלאָניקי.

11

די בימה איז אָפן. נאָר זי דרייט זיך אין אַ ראָד.
די אויגן זוכן זומער, וואָס איז געוואָרן שטיין.
די אויגן זוכן זומער,
וואָס האָט ניט קיין זאַפט, וואָס האָט קיין הבטחה;
ס'טאַנצן פירער און געפירטע, שלייפן גלאַנצן
און די ברכה איז אויסגעמעקט.

די בימה איז אָפן. אַ המון איז אָנגעלאָפן
פון דער גאָרער וועלט.
מענטשן אין עקזיל! פעלקער אין עקזיל!
באַזעסענע שטופן זיך מיט אויסגעשטויסענע
און פירן אָן אַ דאַנס מאַקאַבר איבערן מאַרק.

די בימה איז אָפן. גאַסן־פרויען און גאַלאַנען
מיט אָבסקורע טאַליסמאַנען טרעטן אויף אין אַ באַזאַר;
הינטערגרונטן, הינטערגאַסן ווייזן פלוצים
העלבאַלויכטן אַ געשפּענצטלעכן רעליעף.
די נאַכט, אַ חצופה, וואַרפט אַראָפּ איר טונקל קלייד פון סוד,
וואַרפט זיך נאַקעט אין די פלאַמען און פירט אָן אַ קאַראַהאָד...

די זיילן זיינען פון לויטער נעפּל.
ניטאָ קיין קוליסע. דער צוגאַנג איז הפקר.
די טויערן אָפֿן, דער באַדעקנס אָפּגעריסן...
געבורט און גסיסה באַגעגענען זיך הפקר
אין אַ הינטערגאָס.

דער באַדעקנס איז געפֿאַלן, און עס פֿאַלן פּעך און שוועבל.
פֿאַרן עמוד שטייט אַ קלאַון אין אַ פֿאַרשייטן היטל
און פֿאַרבייגט זיך.
און עס קיניגט די הפקרות.
ניכטערן־נאַקעט אינמיטן העלן טאָג שפּרייזט
אין זיבן־מיילן־שיך די הפקרות
און שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן ראָג.

אויף דער וואַנט הענגט אַ לוח.
קיינער לייענט ניט, ווען ס׳איז יאָרצייט.
ווען ס׳געפֿאַלט אַ טאָג פֿון יובל,
קיינער לייענט ניט.
קיינער ניט אין די אַנאַלן, די כראָניקן,
די רשימות פֿון געפֿאַלענע
אָן אַ תיקון.

פֿאַר מיין שוועל דער גולם איז ניט מיין שומר.
די פֿיגורן אָן שום בושה וועגן, וואָס זיי זיינען ווערט.
אויף די גאַסן דער חומר ליגט הפקר...
עס לייכטן פֿייערן רויט און בלוי,
לעקן די שטאָט, לעקן די מויערן,
הייזער נעמען אַ באָד אין אַ ים פֿון פֿלאַמען.

13

אַסטמאַטיש ניכטערנע טעג, פֿאַרשטויבט און גרוי
וואָגלען זיך איבערן וועג, איבער חורבות און געשטיין
אומגעלומפּערט איבערן ברוק, איבער גרודעס און געביין
מיט אַ וואַזשנע שווערער וואָג, רוי אַנטקעגן נאַכט...

אַ געשאָס רייסט אָפּ דעם קאָפּ פֿון טאָג,
אַ צווייטער רייסט אויף דעם בלעקאַוט.
די סירענע הינקט יעמערלעך נאָך,
יאָמערט ווי אַ זאָגערן, זיפּצט אויס...

גאַנצע טעקסטן קוקן מיט תּרעומות אויס לײדיקע בלעטער.
שורות ניט געשריבענע, צעטריבן, בלאָנדזשען,
יאָגן זיך אין גרויע פאַרטאָגן, מיט און אָן אַ היתּר
און מאָדנע אָפּגעריבן פון דערשיטערונג.

די ווײַסקײט שטרעקט זיך איבער אַ גאַנצן בלאַט.
די חרוב געמאַכטע שמות, דער עיקר,
וואָס וואַלגערט זיך אין שטיקער איבערן בולוואַר,
גײיערס איבער אַ פאַרלוירענעם שליאַך...

דער זייגער שלאָגט ניין, און —
„פון גריכנלאַנד ניטאָ קיין ידיעה,
בריטישע דיוויזיעס דער וועג אָפּגעשניטן,
די נאַציס אין די דאַרדאַנעלן...“

יעדע שורה שניידט קריעה, אַריין אין דער ווייסקייט
פון פּאַפּיר...

16

ווי אַ חורבה פאַלט די נאַכט אויף דער שטאָט,
פאַרגראָבט דעם טאָג אונטער זיך.
אַ פאַרוואָגלטע, אָן אַ סימן געגנאָד,
זיץ איך אויפן שוואַרצן ברוק,
און וואַרט אויף גאָטס באַראָט...

מיינס איז אַ הויז פון שאָטן,
אויף דער שוועל זיצט ברייט די סכנה,
די נאַכט קריכט איבערן שאָסיי,
גאַנץ שוואַרץ מיט דער אַלמנה,
וואָס ציטערט ביים ערשטן קריי
פון אַ האָן.

באַזעצט זיך די נאַכט אויף מיין שטערן.
איך קען איר ניט ווערן, ווען זי קריכט דורכן פענצטער
גליטשט זיך דורכן טויער, מיט די געשפענצטער פון נעכטן.

איך ליג אונטער אַ מויער און וואַרט.
און וואַרט אויף דער נאַכט אָן איבעררייס,
וואָס האָט פאַרשרפה׳ט מיין הויז און חרוב געמאַכט
מיין ברודערס וויינגאָרטן.

חושך דעקט צו דעם הקדש, און דער טאָג
האָט פֿאַרגעסן, ווען די זון איז געשטאַנען אין זעניט.
איך זיץ אויפ׳ן ראָג און טענה און זאָג:
כ׳האָב אַליין געהערט ווי דער טייך האָט אינמיטן
טאָג אויסגעזאָגט, אַז דער אָסיען איז אַ גאָרטן פון גאָלד
און דער רעגן קלאָגט זיך ווייל דער ווינט איז באַזעסן
פון אַנונגען. כ׳האָב געהערט דעם רעגן און געוואָלט
פרעגן...

כ׳האָב מורא צו פֿאַרגעסן, די גרינע סוכה מיטן סכך,
די מילגראַמען, דעם גאָלדענעם שניט,
דאָס געלעכטער פון אַ קינד, די נאַכט פון וואָך,
ווען דער הימל שפּאַלט זיך...
כ׳האָב מורא צו פֿאַרגעסן, איך, אַ טאָכטער פון מיין דור
וואָס האָט פֿאַרמאָגט דעם מלכ׳ס אוצרות...
מיין האַנט איז אַ גאָלדן קריגל, נאָר דאָס אייל
איז אויסגערונען.

פרויען פאַרוואָגלטע איבערן שליאַך.
דזשיין איז אַביסל שיכור,
קלאַפּט אין אַ פרעמדער טיר,
מאַכט אַ פאַרשייטע העוויה
און לאַכט אַ בייזן געלעכטער איבער דער נאַכט.

די נאַכט איז אָפן.
די נאַכט איז פריי.
פריי די אונטערוועגן, פריי די אונטערערד.
אַלץ ווי באַשערט:
פאַראַן אַ צייט צו לעבן אונטער דער זון,
אַ צייט צו לעבן אין קאַטאַקאָמבן,
פון אַ לויטערן הימל פאַלן באָמבן,
מי במים ומי באש...

...די סירענע! אַלע מיינע חושים זאָגן ליגן,
אָדער זיינען איבערגעצויגן מיט אַ קליפּה,
וואָס מאַכט זיי טעמפּ צו מיין אייגענער השערה,
אַז ס׳איז ניטאָ קיין אַנטלויף.
מי במים ומי באש...

די אויערן טרינקען דאָס געסיטש,
פייערוועגן קלינגען איבערן גאַס,
פלומפּן שפּריצן קאַסקאַדן וואַסער אין די פלאַמען,
דער הימל רויט ברענט איבער טורעמס, צוזאַמען
מיט די מויערן פון שטאָט.

אַלץ האָט אַן אַנדערן מיין, און מיין ברודער
וועט מיך ניט דערקענען.
אַלץ גייט שיף אָן רודער, און איך ליג ווי אַ שטיין
אויפן גאַס. איך הער ווי ביג־בען שלאָגט ניין,

און איך הער „די ניוס״

...פון גריכנלאַנד ניטאָ קיין ידיעות.

די נאַציס אין די דאַרדאַנעלן,

בריטישע דיוויזיעס דער וועג אָפּגעשניטן״ —

פאַראַן מער.

און איך קלער, די טערקיי שליסט אָפּ אַן אַגרימענט

מיט דייטשלאַנד, אַ ריין ווירטשאַפטלעכער אָפּמאַך...״

העס איז געקומען צופליען...

דער דייטשישער פּרעסטיזש וואַקסט, זאָגט מען דאָ. פּרעסטיזש.

19

„דער אָריענט שטייט אין פלאַמען
און מזרח איז ווייט...“
באַסעס וויקלען זייער רוט ווי אַ שלאַנג,
צווישן געצויגענע צאַמען,
צווישן וואַנט און וואַנט,
צווישן חורבות אַלטע און נייע, אַקערשט
פריש פון דער נאָדל...

פריבאַגין. מיסעס דזשאָנסאָן האָט צעקרויזט די האָר,
לאָזט זיך אין וועג צו געפינען איר קאָנטאָר.
אונטער איינגעפאַלענע ווענט ליגן נעכטנס אָפּגעשטעלט,
מאָרגנס ניט געוואָרן,פון פאַרשידענע דורות.
די שטאָט רעדט ניט. ניט צו זיי און ניט וועגן זיי.
אַלץ על פּי דרך הטבע...

דער עולם דרייט זיך פּוסט און פּאַס.
פּיאָניר־פאַרמאַציעס גראָבן.
דזשים שטייט אויף אַן אויסגערונען פּאַס
אין צעבאָמבטן „פּאָב“
ווישט געטריי אַ קריגל אויס אַ הויפן ברוך
און מאָלט פּאַמעלעך מיט גרויסע אותיות
ווי אַ שפּרוך: Business as usual.

20

די צייט איז געלאָדן,
שטייט ממש שטיל,
די נאַציס אין סיריע,
דער נאָענטער מזרח, און דער וויטער...
דעליריעס.

פּאַראַן נייע חורבות אין דער מעטראָפּאָליס,
אַ טייל שוין אַלטע,
אַן ערך פינף טעג...

21

די גאַסן זײַנען אַביסל דול.
פֿאַלן בגילופֿין ממש פֿון די פּיס.
דער לאַמטערן אינמיטן ווייסט ניט וואָס ער וויל,
שטייט איינער אַליין, און האָט זיך פֿאַרגעסן...

הייזער האָבן זיך אויסגעמישט,
ווי פֿון אַ זאַק.
אַ טייל געבליבן שטיין, פֿאַרשטיינט
ווי געריפֿ.

צען אַזייגער אין דער פרי.
נאָך אַ נאַכט פון קאַרנעוואַל,
פענדלעך פלאַטערן מיט אַ רויטן גלי,
צאַנקען אין פאַרשפּעטיקטן פאַל
פון ווענט, טליען אויס...

סאַוטהעמפּטאָן ראָו און נייע מאַרשרוטן
פון מאַנטשעסטער באָסעס און פון ליווערפּול
און יונגפרישער טוי פון מאָרגן אין מאַי,
און בלומען געלע אויפן קלייד פון אַ פרוי...

זאָג ניט אויס, אַז גאָרדאָן־סקווער איז אָפּגעצאַמט,
און אַז די באָמב האָט פאַרזאַמט צו פּלאַצן,
אין גאָטס גאָרטן, דאָס מאַי־גרוי פון הימל קען ניט שאַצן
דאָס אויסגעהוילטע גרויע, וואָס גלאָצט פון די מויערן...

23

די נאַציס אין סיריע.
גענעראַל דענץ, פראַנצויזישער האַנדלאַנגער,
ראַשיד אלי,
ממש ניט צו גלויבן, אַז ס׳איז מאַי,
גענעראַלן אַהינגעקומען אין מצרים,
דער פּרייז אויף זייערע קעפּ,
די אַראַבישע באַנדיטן, בפירוש צוגעשניטן פאַר קאַרנעוואַל...

נייעס:

„מחמת דער שונא איז געווען אין גרויסער איבערמאַכט,
מחמת ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט אומדערהערטע קרבנות
מחמת מיר זיינען געווען outnumbered
האָבן מיר געמוזט צוריקפאַלן אויף שטאַרקערע פּאָזיציעס...
יעדער תירוץ טרעפט ווי אַ קאָפּ אין שטיין...
אויפגעגעבן קרעטאַ.

קרעטאַ

דער נאַפּל, אויף וועלכן עס הענגען
לעבן און טויט. אויף אַ שטח אַ שמאָלן
רעגענען פּאַראַשוטיסטן, ברענגען
דער היים פון דער אַנטיקע דעם סעקולערן גרוס.
די טומאה איבער די טערמאָפּילן,
איבער אַטען, קאָרינט און קרעטאַ אַצינד.
ים־געוואַשענע, באַרגשפּיציקע קרעטאַ, טראַציק און ווילד,
ווידער הענגט דער גורל פון מענטשן
אויף דיין באַרגבייניקן רוקן.

די היים וואו דער מענטש איז געבוירן.
ירושלים מיט איר — די היים, וואו גאָט איז געבוירן...

די „הוד" איז געזונקען.
די הוד.
אויף איר ממשלה איבער די ימים האָב איך קיין שליטה ניט געהאַט.
אַצינד איז זי מיין אַבידה. מיר איז זי געזונקען.
אַלע גייען זיי מיר אונטער,
די גרויסע שיפן און די קליינע.
אַ פאַרקערטער חשבון, און דער שפּיגל איז אַ קרומער.

דזשאָן הענגט אויף אַ ברעט אין סכנות נפשות.
מיין ברודער.
ברייאַן איז גובר די גלעזערנע מהומה.
מיין נצחון.
זיי וועלן מיך ניט דערקענען.
די שפּיגלען זיינען קרומע
און דער חשבון ערגעץ פּסול...

„די ביסמאַרק איז געזונקען.“
די ביסמאַרק . גם זו לטובה.
די רציחה, וואָס זי האָט געטרונקען,
האָט געזאָלט מיליאָנענפאַך טרענקען די וועלט.

האַלב צוויי ביינאַכט. די נאַכט איז לאַנג און געדיכט.
איך געפין זיך אין דער תוכחה, אינאיינעם מיט דער
צעריסענער ערד.
אינאיינעם מיט גאָטס פחד. אינאיינעם מיט דער מורא'דיקער
שפּאַנונג
אין האַרצן פונעם מענטשן.
אינאיינעם מיט דער שפּאַנונג אין מיין האַרצן,
וואָס האָט פאַרלוירן די מאָסן
און האָט פאַרגעסן צו בענטשן.

די נאַכט איז אָנגעשפּאַנט, ווי די מושליע פון אַן אויער.
פון אַ מענטשנס ליפּן וועלן היינט פאַלן וואָגיקע ווערטער.

רוזוועלט האָט גערעדט. די מאָסן זיינען אַהינגעקומען.
אַנקאַראַ: „אין קרעטאַ ניט גוט. אַ פאַרשטויס אַנטקעגן באַגדאַד...“

פרילינג איבער דער ערד:
קיל און צוריקגעהאַלטן.
קיל און פֿאַרטרערט, ניט נאָר פֿון געבליצטע נעכט.
ניט נאָר פֿון פֿאַלנדיקע באַלקן...
דער פֿלידער איז זאַט און זאַפֿטיק און שווער.
די צייט איז ניט מיין. דער פרילינג ניט מיין.
איך פֿאַרנעם אים צווישן שפּאַלטן פֿון געפֿאַלענע ווענט.
צווישן שפּאַלטן פֿון מיין וואַכזיין, וואָס בייגט זיך
ווי די ווערבע ביים טייך.

דאָס גרין איז אין שלייער און דאָס איז גוט.
דיווירקלעכקייט איז אַהינגעקומען, און מיר לעבן אין רעפלעקס.
ניט כדי צו זען, אַז דאָס וואַקסן גייט אָן אַף־על־פּי־כן —
צווישן ברוך, צווישן סלאָגאַנס פֿון טאָג, צווישן בלויז־
געלייגטער שפּלות.
הוד, ביסמאַרק, דער נאָענטער מזרח און דער ווייטער...

זייגערס. דער בולט'סטער זכר לחורבן.
שטייען אומגערירט מיט אַ טויטן שטילן האַרץ.
מיט אַ טויטן שטילן פּנים.
אָן תרעומות.
דאָס האַרץ אויסגעשלאָגן, ווייזן די ווייזערס איינגעשפּאַרט
די שעה, ווען דאָס איז געשען.

די צייט שטייט ניט, זי ראָטירט
אַהין און צוריק.
פּאַרמעט, בלעטער און מאַרמעלשטיין.
לבנון, פּאַלמירע, באַלבעק,
דינאַמאָס אין סאַן פּאַרנציסקאָ.

ווינט און זייד רעש׳ן
רוישן אין בוים און בלאַט,
דער הימל בלוי ווי גאָטס חסד.

באַלאָנען וויען ווי זילבערנע קאַפּריסן
אין אַ גאָט-געבענטשער זומערנאַכט.

„אונזערע טרופּן אין דמשק,"
„די עלטסטע שטאָט פון דער וועלט..."
די ב. ב. סי. אַנאָנסירט מיט כלומרשטער התפּעלות
די מעלות טובות פון שטאָט. איך האָב חשק
צו פאַרגעסן ניכטערנקייט און עניות,
שטויביקע קלייטן, פּאַפּירענע בלומען, גראַמאָפאָנען
אויף יעדן טיש,
און מן הצד די רייכקייט פון מאַשיי.

מיר געפינען זיך אין מזרח און איך פריר,
פון פיבער, פון פּאַלמירא, פון זיילן און חורבות,
פון געטער און זיילן אין באַלבעק,
בעת אַלע שטייען שמירה פאַר מיין בעט...
זיי קוקן אויף מיר און מיינע אויגן ברענען,
זיי קוקן און גליען אין דאָס דערקענען,
אַז זיי זיינען בלינד...

זיי קוקן ניט, די חורבות, די צייט כוואַליעט איבער זיי
און צו זייערע פיס שטייט אַ קינד פון איר
און פרעגט. דער יונגער אַראַבער רעדט אַצינד,
דערציילט וועגן געטער און זיילן און אַללאַה
און וואַרט. איך בין ניט איינגעהילט פון נעפל און פיבער
איך האָב ניט מורא פאַר די האָרדן,
וואָס מאַרשירן אויף אין גאַלאָ אויף דער קאָרטינע
פון דער צייט.
זיי קוקן ניט די חורבות. ניט אויף מולך, אויף ווענוס ניט,
ניט אויף קאָנסטאַנטין, אַפילו ניט אויף מחמד.

די נאַכט־פייערן זיינען אויסגעברענט,
די זיידענע מיידלעך האָבן צעבראָכן זייערע ווינקרוגן,
די קעמל־טרייבער זיינען וויט און מיין „גייד"
וואַרט אויפן באַקשיש פאַר זיין טירחה...

32

מיר מישן פרשות געשיכטע
ווי פּעשלעך קאָרטן ביים גרינעם טיש...
...אַמעריקע הייסט דייטשישע קאָנזולן און קאָנזאָרטן
זיך אַרויסקלייבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די גראָז אויף דער „היס“ איז הויך און זאַפטיק און גרין.
ראָבוסטע קאַסטאַניעס בליען מיט איבערפלוס פון קראַפט.
פּרוכטביימער לייכטן מיט ליכטער בונטן צווייט,
די זון, גאָלדן און וואַרעם, לאַכט נאַריש
און טרייבט דאָס בליען ביז צום זעניט.

זינגען די פייגל אַ פלוך? זוכט דער קוקוק אַ זיווג
אין צוזאַמענברוך?
פון וועלכן לאַנד שטרעקט מיין ליבסטער אויס זיין האַנט?
ווייס ער, אַז ס'איז פרילינג, וואָס פלעגט צו וואַקסן ווי אַ רויז
אין זיין האַרץ?
טויעט דער רינג פון אייז אַרום זיין בויד, צי איז די קעלט
פאַרשטאַרצט אויף אייביק?

די בלעטער הענגען זאַפטיק פון זאָרג, וואָס נעמט אַרום די וועלט.
דער קוקוק רופט און מענטשן מיינען, אַז ס'איז פרילינג. נאָר די קעלט
אין זייערע אויגן ווייזט דעם ווינטער אין זייער האַרץ, און אַז זיי
גלויבן ניט, נאָר וואָס די קראָען דערציילן.
איך בין פאַרנומען מיט שטאַרבן.
דער גרינער טאָל אַנטפלעקט אַלע מינים טויט פאַר מיר,
באַדעקט מיינע אויגן מיט שאַרבן,
שיידט מיך אָפּ פון דער וועלט און פון יענער,
און פון דער „היס“, וואו די גראָז איז הויך,
און די זון גליט איבער אַלעמען ווי אַ תם,
און טרייבט דאָס בליען ביז צום זעניט...

אַריינשפּאַצירט! אָנהייב איז טויט
און דעם סוף טאַנצט די נויט מיט קאַסטאַניעטן.
אין אַריינגאַנג דער לאַמטערן ברענט רויט,
דער קאַפּיטאַן מיט שוואַרצע עפּאָלעטן
האָט אָקערשט אין די הענט געקלאַפּט.
די פּערטע וואַנט פון צירק איז אָפן...

אין פולן גאַנג איז דער ספּעקטאַקל,
קינדער און סאָלדאַטן צאָלן נאָר די העלפט,
אויף דער אַרענאַ ברענען רויט און שוואַרצע פאַקלען
בערן טאַנצן, ס'וואָיען וועלף,
מאַריאָנעטן שטייען אַלע אויפן קאָפּ.

אַריינשפּאַצירט! די פּערטע וואַנט פון צירק איז אָפן,
דער קלאַון שטייגט אויף דער אַרענאַ,
נאָכלויפער און גאַפער האָבן זיך צונויפגעטראָפן
פאַרן טויער פון גהינום און וואַרטן
אויפן פאַרבייט פון סצענע...
און — ס'איז פריילעך אויף די ברעטער.
אינמיטן מאַרק ברענען שייטער...

דורך מיין פענצטער גליט אַ שוואַרצע זון,
וואָס האָט מיינע בענטשליכט פאַרשעמט.
אַ רעגנבויגן ציט זיך מיט די סטרונעס
פון מיין פידל און רייסט זיי איבער און האָט פאַרקלעמט
דאָס קול אין מיין האַרצן.

אלא, וואָס מיין האַרץ איז טויב
און הערט נאָר פון וועלף דאָס ברילן,
און ברילט הונגעריק מיט זיי,
דאָס איז פון ווינטער ברעכט אַ שטילן
רעקאָרד. מיין האַרץ איז טויב.

אין מיין האַרץ איז ווינטער.
זיינע קלאַנגען זיינען פון הונגער און פון צאָרן.
פון אַ שטילן ברענענדיקן כעס
און פון אַ קללה וואָס ברענט אין מיין זכרון.

איך בין אַ קינד פון מײַן צײַט און פֿאַרשטײ נישט.

איך בין אַ קינד פון מיין צייט און פאַרשטיי ניט.
ניט אירע ווערטער, ניט אירע וועגן, ניט אירע מעשים.
אָבער מען דאַרף פאַרצייכענען:
...„אונטערן דרוק פון ניו־יאָרק, פאַסירט די „שעהערעזאַדע“
מיט אייל באַלאָדן
פאַר פראַנצויזישע קאָלאָניעס...

האַרבסט!
דאָס גאָלד פון זומערנאָכמיטאָג ליגט צעווייקט אין שייער,
אַ קראַנקער רעגן גיסט זיך איבער דער רייפער פרוכט,
איך וואַנדער איבער שטעט פון בליי און זוך
נעכטיקע טעג, פאַריעריקן שניי, און דעם פאַרצערנדיקן פייער,
וואָס איז געגליכן צו מיין צאָרן,
וואָס איז געגליכן צו מיין צער.

האַרבסט!
די גרויע טעג פאַר מיין שוועל זאָגן צו אַ בייזע גערעטעניש.
ביימער רוישן מיט פאַרשוויגענעם כעס, אין גאַנץ פינצטערע גרינען
שווערע רעגן־טראָפּנס רינען אין אַ טייך פון אָפּפאַל און פאַרפאַל.
אין געפין זיך אין דער סאַמע מיט פון גרויסן אַנטרינען.

און ווער ווייסט צי איז כדאַי צו פאַרצייכענען,
צי איז כדאי צו באַנעמען וויאַזוי די וועלט גליטשט זיך ?
בפרט, אַז ס׳וועלן ניט קלעקן קיין מכשירים...
גאָר ניט וועט קלעקן. מיר שטייען ביים אָנהייב פון גרויסן חורבן.
ביים אָנהייב פון דער גרויסער פטירה...

אויפגעשטעלטע קאַנאָנען אין סינגאַפּאָר,
פלאָנטער איבערן פּאַסיפיק. פאַרווירונג אין ווישי
און טאַילאַנד און יאַפּאַן. און אין האַרץ די מדבר —
פאָרמאַרש פון די דייטשן אין דער אוקראַינע.

די טערקיי וואַרט און פּעטען „גראַן מאַרעשאַל“
ברענט איין די סוואַסטיקאַ אויפן שטערן פון פראַנצויזישן פאָלק.
די זון, צייטלאָז און פאַרלאָזן פון זכרון, ברענט ווי אין זומער,
פּעטען זאָגט צו, אַז „די שולדיקע וועלן באַשטראָפט ווערן...“
די פראַנצויזישע פּאָליציי מאַכט יד אחת מיט דער געסטאַפּאָ.

די ווייסע נאַכט פון נאָרדן האָט זיך דייטשיש פאַרטונקלט
און שפּרייט זיך.
איבער מאַרשאַלן און גענעראַלן, איבער אַדמיראַלן
און קאָלאָניעס.
דער אָנהייב. דער אָנהייב פון גרויסן חורבן.

39

אַן אויסגעוועפּטע זקנה שטייט די תקופה,
אויסגעזעצט די ריפּן־שטויסן פון אַ הוליגאַן.
ליגט די תקופה אין היגערפּלעט וואָס איז אַבסורד,
איר צופיסנס שטייט אַ דור אַ מידער
מיט זאָגער און זינגער, מיט אויסגעשטרעקטע וואָרנפינגער
מיט אַלטקלוגן אָנשטעל, מיט דער קאַלטער ליידיקייט
אין אַ בייזן, ווייסנדיקן האַרצן.

פאָל קאָלעט.
דיין קול האָט געהילעכט דורך אַ טויבן כאַאָס.
די זון האָט באַזעצט זיך אויף אַ ווינטערשויב
כאָטש אויף אַ רגע.
די האַרף האָט אַ ציטער געטאָן מיט אַ קלאַנג,
מיט דאַנק פאַר דיין לעבן אין אַ וועלט פון טויט.

מיט דאַנק פאַר דיין גלויבן אָן אַ וועלט פון לעבן.
דאַנק פאַר גובר זיין פחד און דעם פאַלשן אמת,
פאַרן געזאַנג פון פרוכטבאַרקייט אין דיינע לענדען,
פאַרן בליען אויף דיינע ליפּן. דאַנק פאַר אַ רמז
פון ליכט אין שוואַרצער נאַכט, פאַר רחבותדיק זיך געבן
צו אַ וועלט, געוואָרגן פון הונגער און טויט...

דאַנק פאַר דיין פרוכטבאַר האַרץ, אַנטקעגן גאַנצן קראַם
סטעריליטעט, אַנטקעגן ים פון צביעות, וואָס האָט פאַרוויגט
אַ וועלט אין שקר,
פאַר דיינע צוואַנציק יאָר הערלעכקייט און חשיבות
אַנטקעגן אַ וועלט פון פחד און שפלות,
ברודער פאָל, ברודער פון די פאַרלוירענע קולות אין מדבר.

גרין און קופער און בראַנץ,
ניינצן־איין־און־פערציק אין סעפּטעמבער
די טיין אין זילבערנעם גלאַנץ,
אָן אַ שפּור פון שוואַרצן מלאך איבער די לענדער
פון דער ערד,
רחבות פון מיטזומער, רחבות פון קופער און רויט
אין דעוואָנשיר, אָן אַ סימן ירידה, פון קאָרומפּירטן טויט,
אומגעהערט.

אין די פּוכווייכע בערגלעך אין אַ טראַנס,
מיט זוימען באַשטיקטע מיט רויטע געראַניעס,
מיט טאָלן פאַרוויגטע אין אַ קראַנץ פון וואוילטאָג.
אַ דעמבענע באַנק ביים ברעג, וואָס וואַרט...

אין סעפּטעמבער, אין ניינצן־איין־און־פערציקסטן יאָר
מיט אַ בלויען, אַזורענעם הימל, ווייט פון שוואַרצוואַלד פון טויט,
מיט פליישיקער לאַסט פון פּרוכט אין די צווייגן
מיט פּאַמעלעכען שטייגן צום רויטן קליף, געהויבן ביז גאָר
פון קופּערנער ערד, מיט בוש־געקרוינטן בוים
אין גאָלדענעם שוים פון זונפאַרגאַנג...

אויף אַן אַלטער, דעמבענער באַנק זיצט אַ תושב
מיט אַ געשוואָלן האַרץ און דאָרשט נאָך הימל,
און דאָרשט נאָך רעגן, וואָס וועט זיך דערוועגן
צו וואַשן די לופט פונעם סם, צו האַמעוועַן דעם וואוקס אין
זיין שלאָם
טיף אין סעפּטעמבער אין ניינצן־הונדערט־איין־און־פערציקסטן
יאָר...

זיי ברענען דעם שניט, און זייען דעם ווינטער,
דער מזבח איז רויט פון קאָרן, וואָס ברענט,
די ערד איז שוואַרץ פון קינד און קייט
און הונגער,
זיי ברענען דעם שניט. מיט אייגענע הענט,
תמות נפשי עם פלשתים...

זיי ברענען די זאָמען אין דער ערד פאַרזייט,
דאָס גוטע ברויט פאַר מאָרגיקע טעג,
די רו פון דער נאַכט אין רויטן געיעג
זיי ברענען דעם שניט. מיט אייגענע הענט,
תמות נפשי עם פלשתים...

פאַבריק און שאַכט אין דניעפּראָ־פּיעטראָווסק,
זיידענע זיילן שוואַרץ און רויט,
און שאָף און רינד און קינד און קייט
ברענען לעבעדיקערהייט,
מחנות ציען זיך גרימיקערהייט
דערלאַנגען צו די גערילאָס —
תמות, תמות נפשי עם פלשתים...

מויערן פאַלן אין סטאַלינגראַד,
אין קריוואָי־ראָג די מינעס, די צוגן אויף שינעס,
פלאַמענפעלדער לעקן מיט טויזנטער צונגען די זון,
פּיאַדאָר און גרישאַ מאַרשירן, גרימצאָרן צווישן די ציין
און שווערן: „תמות נפשי עם פלשתים...“

עשרת ימי תשובה אויף אַ פרעמדן ברעג,
דער ברעג איז טעמפּ און פאַרקאָוועט.
די וועקסערנע ליכט זיינען אויסגעגאַנגען,
דער כאַאָס האָט ניט געפונען דעם וועג
ביז אַהער.

מיר געפינען זיך אַליין אין גאָטס פאַראומערטן האַרצן.
די פּריפונגען וואַקסן און די תפילות דערגייען נים.
די הימלען האָבן זיך אָפּגערוקט און די מַראות
אויף זייער אָרט דערגייען ניט.
מיר האָבן פאַרלוירן די שפור אין שוואַרצן חושך
פון אונזער אויסגעלאָשן ווערן.

ימים נוראים.
אונזערע ברעמען זיינען ניט פאַרהאַנגען.
מיר זעען ניט קיין וועג. נאָר אַ בייזן שטערן
איבער אונז.
מיר מעסטן ניט שעה׳ן, וואָס דערלאַנגען
אינערגעץ נישט.
טעג ווי אַנדערע טעג. נעכט ווי אַנדערע נעכט,
מיט אַ בייזן שטערן איבער אונז.
די וועקסערנע ליכט זיינען אויסגעגאַנגען...
מענטשן, מויערן, באַגריפן זיינען אויסגעשליפן.

מענטשן לעבן אַלע טאָג זייערע קליינע לעבנס
און זייער גרויסע נויט.
אידן זיינען מתפלל, זייערע תפילות שוועבן
אַן אַ היים. אידן טוען תשובה,
קומען אָפּ אין רויטן פאַרגאַנג, אין פאַרשעמטן זונפאַרגאַנג.
אידן זאָגן הלל, שולן זיינען פוסט,
נאָר די גרויסע שול חלומ׳ט אַן ארון־קודש צו נעילה.
און אפשר אַ מזבח. אַ רויטן מזבח פול פון טויט.
די הימלען האָבן זיך אָפּגערוקט און תפילות בלאָנקען.
סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו....
עשרת ימי תשובה, דער ברעג איז פרעמד און פאַרהאַנגען.
דער מזבח איז אָפן. דער חלום שרייט און ברעכט זיך,
שטיקער צעבראָכענער גורל זידן אויף אַן אָפענעם מזבח.
דער צער איז אַליין.— — —

וואו האָבן מיר זיך באַגעגנט, דאָס לעבן און איך?
אויף אַ שמאָלן שטעג וואָס האָט זיך געוויגט ווי אַ וויג,
אין אַ פעלד פון קאָרן?
אויף אַ שמאָלער בריק וואו דאָס לעבן איז ווייט
און דער ברעג ווייט ווי האָריזאָנט אין זעניט?
די זון אַ געליבטע פון גאָלד און פון זייד?
וואו האָבן מיר זיך באַגעגנט, לויט וועלכן לוח?
אויף וועלכער ברייט?...
אויפן שוועל פון פאַרבייט, וואו די צייט שיט פון אַ האָרן,
שרעקן פון פעלקער אין פאַרגיין? די רעטעניש פון פעלקער
אין באַשטיין?

עשרת ימי תשובה אויף אַ פרעמדן ברעג...

ימים נוראים.
די מויער איז אונזער ערי מקלט.
די צעשיטע אין דרויסן באַפעלקערן אונזער זכרון,
די פייערן פון טורעם פאַראומערן אונזערע מוחות.
הזכרת נשמות. זיי מזכיר די נשמות פון די קדושים
מיט און אָן קבורה.
מיליאָנען קדושים, וואָס גייען איין מיט און אָן חיבוט הקבר,
אָן רושם.
זיי דו זיי מזכיר. וואו דו ביסט און ווער דו ביסט.
דו.

מיר זיינען די פון אינעווייניק און פון דרויסן.
האַלט אונז ניט פאַנאַנד, וואָס געפינען זיך אויפן וועג.
איבער אונז קרייזט אַ בייזע פלאַם, די צייט
בלענדט מיט בייזן שוואונג אונז דעם בליק,
האַלט אונז צוריק בעת די ימים נוראים פון פאַרבייט.

צו לעבן מיינט צו געדענקען.
מיר וועלן געדענקען, ווען די צייט האָט זיך באַזעצט אין דער נאַכט,
אין די ימים נוראים פון פאַרבייט.
דו.

46

דער ברעג איז פרעמד, דער הימל ענג,
דאָס רוישן שווער פון געוויין.
פרעמדער סעפּטעמבער איז אין שטאָט,
שטערן קרייזן ווי אין אַ ראָד,
איבער פרעמדע בענק, אין אַ פרעמדער שטאָט.

דאָס רוישן כליפּעט ביים דערציילן,
מישט זיך מיטן רויט פון געראַניעס און פון טויט,
דאָס רוישן וואָיעט מיט די וועלף אין די היילן,
דאַליעס שטעכן מיט ביטערע זאַלצן דעם בליק
אינמיט פון סעפּטעמבער אין אַ פרעמדער שטאָט
ביים ים, אויף פרעמדע בענק...

מאָסקווע איז ווייט פון דאַנען, אַצינד איז זי נאָענט
ווי דאָס העמד צו מיין לייב, מיין שוועסטער אין נויט.
זיי גייען אויף מאָסקווע, אַריבער דער תפילה אין מיין האַרץ
אַריבער האַרבסט, וואָס איז רויט ווי מיין צער און מיין צאָרן.
מענטשן, מויערן, באַגריפן זיינען אויסגעשליפן
אויף די ציינער פון אַ טאַנק
און איבערן קאַדאַווער מענטש שפּאַנט די צייט
און נעמט אַרום דעם חלל.

„געלויבט ביסטו גאָט וואָס דו האָט אויסגעלייזט
דיין פאָלק ישראל...״
דער בישאָף פון עקסעטער פלאַנצט וואָרט ביי וואָרט
פון דער הויכער קאַנצל דעם פסוק איבערן רוים,
איבערן פאַרוויאַנעטן גלאַנץ, בעת מיר דריי פון דער
באַפרייטער אומה,
דאָס אויסגעלייזטע פאָלק ישראל,
באַטרעטן די שוועל פון קאַטעדראַל אין עקסעטער,
שטום, באַנומען פון דער נאָבעלער קראַפט פון בוי,
און נבהל ומשתומם ווי דער בישאָף רעציטירט פרום
„געלויבט ביסטו גאָט וואָס דו האָסט אויסגעלייזט דיין פאָלק ישראל...״

סעפּטעמבער, 1941

עקסעטער, קאָנסערוווירטער חן פון קליינשטאָט,
וואו דער זייגער קוקט פון אַ פאַרגילטן ראָד
איבערן מאַרק, און יונג און אַלט שטייען אַלץביים טויער,
גייען אין רעגן איבערן גאַס,
און שטובמיידלעך קוקן דורכן לאָד צו דער אַלטער מויער
פון פעסטונג, פרומע פראָצעסיעס שטרעבן צו דער קאַטעדראַל
און יונג דזשים שטייט מיט אַ סוד, אַלט און פאַרגעסן
ווי דער סטיל פון דער מויער און גאָר ניט צוגעפּאַסט צו דער שעה...

צו דער שעה: די וועלט שפילט מיט זיך אַליין האַזאַרד
און די צייט איז אויסשטאַפּירט ווי אַן אַלטע קורטיזאַנע,
מיט אַ מידער אינדאָלענץ פון אַן אויסגעוועפּטער זקנה
זיצט זי שיכור ביים גרויסן, גרינעם טיש
מיט אירע פריילעכע גאַלאַנען
„מעססיע פעט וואָ זשע!“ *) רופט דער שטוצער, דער קרופּיע
און לאַנג נאָך איידער ס'האָט געטאָגט שטייט אַלץ אין קאָן,
אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט...

סעפּטעמבער, 1941

---

*) גייט אָן מיטן שפּיל איר הערן!

דער מאָרגן איז אויסגעוואַשן און יונג,
די טײַך צעגאָסן קרישטאָל,
די זון לעקט מיט אַ גאָלדענער צונג
דאָס קאָרן.
אין אַ לויזער קאַרטינע, מיט רויטע
און שוואַרצע יאַגדעס אין געוועב
שטאַפּלען זיך, פון אַ בריזע באַוועגט,
איבערן ברעג צעוואָרפענע שטעט.

אַלבאַטראָסן פלירטן, שפּינען,
פלאַטערן טענצעריש פּרעציז
איבער אַ הימל טיפבלוי,
איבער אַ ים אין אַביס.
אַלץ איז מיט אַלעמען אין הסכם,
וואַלקן קאַפּריזנע אַנטלויפן,
ווילדע גענז שניידן שאַרפע אַראַבעסקן
אין דער לופט.

אין רינגמאָר שטייט די אַלטע קירך
דער זון צוגעווענדט, דער האַלבגאָטישער טויער
האַלב פאַרגעסן,
דאָס טיודאָר־קאָטעדזש אין דאָליש
שטייט פרידלעך באַחנ׳ט, אונטער אַלטע ציפּרעסן,
מאַדאַם סמיס שטייט אויפן שוועל
און לאַכט צום שכן: „אַ פיינער מאָרגן, לאַכט זי העל
לייכטער אויפן האַרצן, אַף־על־פּי־כן“
„אַף־על־פּי־כן...“ ענטפערט מר. קרען.

אין די טעג, ווען מיין הויז פֿאַלט איין,
און מיין גאָרטן ליגט פֿאַרוויסט
און דאָס האַרץ איז שווער ווי אַ שטיין,
פּרואוו איך, מעשה־תּם, גלאַט וואַרטן.
אין מיין אינטערוואַל וואַקסן אין לאָנדאָן די חורבות
און מאַכן די מעטראָפּאָליס וואָכנדיק און האַרט.
רעזידענטן אין „ראָיעל האָטעל" שפּילן ברידזש
האָבן אײדעלע מאַנירן און אַ מיינונג...

די גראָז זינגט הויך, אין טינמויס, אין דעוואָן.
ניטאָ קיין קבֿרים, סאָלדאַטן עקזערצירן
לויט מיליטערמוזיק, פֿאַראַן אַ גאָלדגעבאָרטעטער אָפֿיציר
פֿון דער „ראָיעל מאַרין".

מאַדאַם איז אַן אויסבונד פֿון מוטערלעכקייט און פּשטות,
און צניעות. זי זאָגט: אונזערע מיינונגען גייען זיך פֿאַנאַנד.
זי האַלט מיט היטלערן.

די טויטע וועקן ניט, ווערן ניט געוועקט.
אין רוסלאַנד ברענט די ערד,
די סירענע וואָיעט צומאָל אַפֿילו אין טינמויס.
די טעווטאָנען וואַלצן איבער פֿאַרשרפֿ'עטער ערד,
איבער צעטראָטענעם קאָרן, מיט כוואַצקע שפּאָרן
איבער רוסישער ערד.
איבער דינאַמאָ'ס און קאָפּאַלניעס, איבערן רוסישן מענטשן,
איבער מיין ברודערס שלייפֿן וואַלצן די טעווטאָנען.

סוף סעפּטעמבער, אָן אַ סימן, אַז ווינטער קומט.
דער הימל איז אַ גאָלדן געפּעס און קינדער טאַנצן אונטער אַ חופּה
פון בלוי. דער דרום־ווינט טרוקנט דאָס קאָרן,
דער שניטער ברומט אַ ניגון, און דער פּאַסטוך רופט מיטן האָרן
די סטאַדע.

קיעוו איז געפאַלן. די שפּאָרן פאַר די טויערן פון לענינגראַד.
די קרים, די טערקיי, דער שוואַרצער ים,
יאַפּאַן.
דער קאָנטינענט וויברירט. דער רעפּאָרטער ציטירט ווישי.
צוואַנציק „קאָמוניסטן“ געשטעלט צום וואַנט.
די טשעכיי קריגט אַ שפּוגל־נייעם תליון.
דאָס זיינען די נייעס „תחת השמש“.
איטאַליע
אונטער דעם יאָך פון אַ קאַמופלאַזשטער אינוואַזיע.

די נייעס:

„די נאַציס אָפּגעשטעלט פאַר מאָסקווע,
דער גאַלופּ־פּאָל מעסט דעם דופּק פון גרייט־בריטן,
44 פּראָצענט זיינען צופרידן מיטן גאַנג פון דער געשיכטע.
די פּייפּליניע איז אין סכנה.“
„אין פראַנקרייך הונדערט גייזלען געשטעלט צום וואַנט...
משמעות צוליב דעם טויט פון איינעם אַ דייטשן אָפיציר.

נייעס! נייעס!

אויף דער ערשטער זייט אַ פאָטאָגראַף פון פרוי לאַרסן, אַ פאָטאָגראַף פון אַ טשעק פון פיר פונט און אַכט שילינג. פון די מעבל און הויזגעזינט אַרויסגעשטעלט אויפן גאַס לויטן אָרדער פון אָרפּינגטאָן־דיסטריקט.

אין גרויסע אותיות די נעמען פון די אידעלע שפּענדער, שילדערונג פון לעבנס־שטייגער פון פרוי לאַרסן, וואָס איז ניט בכוח אָפּצושפּאָרן פיר פונט מיט אַכט שילינג פאַר דירה־געלט.

מר. לאַרסאָן איז אַ פייטער־פּיילאָט.

53

די לעצטע בלעטער פּאַלן
און די ערשטע באָמבעס איבער לאָנדאָן.
אַלץ על פּי דרך הטבע.

ממעמקים! דאָס האַרץ קאָרטשעט זיך ווי אַ חיה,
צי איז דער קלאַנג אַ תפילה, צי איז דער רעש אַ קללה,
יעדער וועג איז אַ לויה.

ממעמקים! ייאוש רייט אויף שוואַרצע פליגלען
און שטיקט די וועלט מיט ביטול, וויינט מיט צאָרן
און האָט פאַרריגלט אַלע ריגלען.
מיינע תפילות וועגן צענטנס, נאָר די מאָסן זיינען דיינע,
וועג ניט אויס די לייד געברוינטע, ממעמקים!
מיינע האָבן אויסגעברענט.

ממעמקים! די זון איז אַן אָפענע וואונד
און גיסט מיט רויטן בראַנד
און שרעקט מיין קינד מיט רויטן צונד
דעם גאַנצן רונדן יאָר. ממעמקים...

פון הר מוריה האַט דער פעלז זיך אַפּגערוקט,
דער תהום שטייט אָפן,
די וועלט הענגט אָן יסוד,
דער טאָג אָן אַ מאָרגן.

געצעלט רייסט זיך נאָך געצעלט,
דער תהום שלינגט די וועלט
פון באַרג און ברוך,
טאָג און נאַכט געשווייסט
צו אָן אומגעלומפּערטן גאַנצן.

חורבות וואַנדערן אָן אַ ציל
אָן אָן אָנהאַלט, שפּאַלטן זיך
איבערן אָפענעם תהום, אין דער מיל
פון באַוועגונג, אָן געשטאַלטן.

דער גולם ציקט די גרויסע אַקסט
צווישן מבול פון געשטיין,
אַ מבול פון געהעלץ,
אַ מבול פון געשען
רוישט אַ מבול פון געוועין.
פון הר מוריה האַט דער פעלז זיך אַפּגערוקט...

גאָט האָט פאַרלאָזן די משמרות פון דער נאַכט,
איז די נאַכט הפקר.
פוןביימער הענגען מענטשן אויפן רוקן,
אויף סטעפּעס פרירן מענטשן, די פינגער געקלעמט
צום דריקער פון געווער,
דער ים שפּאַלט זיך און וואולקאַנען פאַלן פון הימל.
גאָט האָט פאַרלאָזן די משמרות פון דער וועלט.

קיינער לייזט ניט, קיינער בינדט ניט.
הפקר די נאַכט, דער טאָג,
די וועלט.

די ערד איז ווייך, און ברייט, און ווייס.
ביזאַנטינישע שטעט.
קאַפּולעס בלויע מיט גאָלד
און גלאָקן־טורעמס, וואָס קלינגען בייז אַ יעדן שטויס...

אויפֿן רוסישן סטעפּ שטייט אַ יאָלד
מיט ווייסע ציין און אַ רויטער רויז
אויף די באַקן. ליכט און פֿינצטערקייט
בליסקען פֿון צאָרן און פֿון פֿערמענט.

קאָלאָס שטייט אַנטקעגן קאָלאָס, געשפּאַנט,
אָפּן, קינדישע הערצער און גרויזאַם האַרטע, געפּענט
אין געקאָוועטן פֿראָסט. און מוסקלען פֿון שטאָל
איבערן בוג, איבער דער נעוואַ.

דער פֿראָסט גלימערט שאַרף ווי אַ חלף.
דער גרימצאָרן ווי האַרטער קרישטאָל.

מי במים ומי באש ?
יעדער מענטש לעבט אונטער זיין אייגענעם שטערן.
וויפיל שטערן זיינען געוואָרן ליידיק פון זייער זין ?
דער אָריאָן און דער גרויסער בער, וואָס האָבן ניט באַוויזן
זיך צו ווערן ? מי במים ומי באש . . .

אָן הכנות, אָן אַ בית־דין.
ווידוי, ווידוי, ביחידות, בציבור.
דעם פּאָדעם פאַרשניטן וואַלגערן זיך תפילות אָן אַ היים.
דאָס אויג, וואָס זוכט שטערן קען ניט דערגיין.

מי במים, ומי באש ?
מגפות אין די מוחות.
אָן אָנהאַלט, אָן אָפּהאַלט און טויטזיכער.

עס רעדט דער פּרעזידענט פון די פֿאַראייניקטע שטאַטן:

„...נעכטן דעם 7טן דעצעמבער 1941, אַ טאָג וואָס וועט לעבן אייביק אין זיין אינפאמי. נעכטן זיינען די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַטאַקירט געוואָרן בכוונה און אומגעריכט דורך דער שיפס־ און לופטמאַכט פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג, אויספירנדיק אַן אַטאַק אויף פּערל האַרבור, אויף די האַוויישע אינזלען... מיט באַדויערן מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אונזערע שיפס־און מיליטער־מאַכט האָט געליטן גרויסן שאָדן, אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנישע לעבנס זיינען לאיבוד געגאַנגען, נעכטן האָט יאַפּאַן אַטאַקירט גוּאַם, נעכטן האָט יאַפּאַן אַטאַקירט די פיליפּינישע אינזלען...״

נאָך די אָקערשט פֿאָראויסגאַנגענע טעג פון גלאָריע האָט דער פּרעזידענט סוף כל סוף געפונען אַ טאָג, וואָס וועט לעבן אייביק אין זיין אינפאמי...

דער שטילער אָקעאַן איז ניט שטיל,
דאָס רוישן פון כוואַליעס פאַרטויבט
דעם דריל פון פּראָפּעלער און דינאַמאָס,
אַלטפרענקישער נעפּטון, באַרויבט
פון זיין גראַבליע, דערקענט ניט קיין וועג...

די יבשה ברענט, און ימים קענען
זי ניט לעשן; לענדער פרעמדע, מיט הימלען
פון אַזור, זיינען ניט צו דערקענען
אין גרינעם ליכט; די קאַרעטע פון גאָלד
מיט געשפּאַנטע ווייסע שימלען זעט אויס ווי פאַרביטן.

די לבנה וועט זיך אפשר מרחם זיין
און אַרויסהייבן אַ מבול איבער דער רויטער שריפה,
און אפשר וועלן שטערן אַפילו ניט קוקן אַזוי קאַלט,
און אפשר וועט פון ערגעץ באַלד קומען אַ שפע פון ליכט...
און אפשר וועט ערגעץ זיך שפּאַלטן דער הערמעטישער כאַאָס,
וואָס איז אויסן אויסצומעקן, צו פאַרניכטן, אַלץ?

אפשר... יעדער מענטש איז געבוירן אונטער אַ שטערן.
דאָס לעבן איז קליין און טויט איז קלענער.
מען קען זיך ריכטן, מען קען זיך ניט ווערן,
מען דאַרף זיך ניט באַטייליקן דערינען, קענער
געניטע מאַכן אַלץ מיט אַ מאַשין, אין אַ גאַזקאַמער,
אָן קלאַפּן, אָן בלאָזן, דערלאַנגט יעדער צו זיין שטערן...

דעם ווייסן באַדעקנס איבערן סטעפּ
האָט דער פראָסט צעגליט.
אונטער אַ בלויער, גלעזערנער דעק
ליגן די שרעקן פון דער צייט.
צעריבן אונטערן היסטאָרישן שליף,
געהאַלטן פונעם גרויסן נייַן פון פאַרבייט
אין אייזיקן גריף פונעם טאָג.

די לבֿנה איז פאַרחלש׳ט, מיט שווערער ברוסט
אָטעמט די נאַכט, אונטער גלעזערנע שריט,
פון די טריט אויפן אייז, אויף דער בלויער זייד
פון איר לייב קוויטשעט דער פראָסט.

סיביריאַקישע שווערטער שליצן אייַן וואַלפּורגיסנעכט
אין רוסישן סטעפּ.

... אין מאַיאַמי איז די יונגפרוי זיך מקריב פאַרן „וואָר־עפּאָרט“.
באַקלעפּט דעם גוף מיט צען־דאָלער מאַרקן,
יעדער קויפער איז זוכה מיט אייגענע הענט
אויב ער באַצאָלט, — אָפּצוקלייבן אַ מאַרק...
דאָס איז איר קאָנטריבוציע פאַרן „וואָר־עפּאָרט“
מעלדעט די צייטונג.

63

די נאַציס נענטערן זיך טאָברוק,
אין מצרים האָט קעניג פאַרוק
באַשטימט אַ נאַצי־פריינטלעכן קאַבינעט.
אין נאָענטן מזרח און אין ווייטן,
די אַליאירטע, זיי ווערן צופאָרט איבערראַשט...

אַ סך וואַסערן האָבן זיך רויט געפאַרבט,
און רויטע פייערן זייגען פאַרקוילט אויף שוואַרץ
און איך ווייס ניט צי האָב איך געדאַרפט
פאַרצייכענען, ווי עס פוילט אונזער טאָג...

די אימפעריאָזנע רואיקייט פון פּאַסיפיק
האָט זיך אויסגעביטן אויפן קליינגעלט פון פעלקער־שלאַכטן.
אויף זיין מעכטיקן רוקן איז אויפגעשטעלט
דער וועלטן־פּורים־שפּיל.

אויף איר מעכטיקן רוקן ליגט די פאַלנדיקע נאַכט
איבערן מענטשן, דער פאָלאַרער כאַאָס,
און דער שוואַרצער טאָג פונעם פאַל פונעם מענטשן.
אין דער וואַזשנער באַוועגטקייט פון איר אינגעווייד
זייגען אָקטאָפּוס און הייפיש רעדוצירט צו גאָלע שפּילגעצייג
פון זייט דער אָקטאָפּוס פון שטאָל האָט געמאַכט די וועגן אומזיכער.

דער רוסישער בער בלוטיקט אויף ווייסן שניי.
און דער נאָרדישער איבערמענטש רייסט פּאַסעס
אין איבערמענטשלעכן גלוסטן נאָכן שכנ׳ס אוצרות.
דער פראָסט, דער גרימיקער פראָסט,
איז דער איינציקער שטראַל פון דערבאַרעמען.

סעפּטעמבער, 1942

אָפּגעגאָלטע קאָרנפּעלדער אָטעמען שווער
אונטער צעשיטע סנאָפּעס, אָן באַגער,
דער מאָרגן גייט אויף מיט ראָסע אויף די ברעמען,
מיט שוואַרצע יאַגדעס אין די האָר,
מיט אויפגעשטעלטע אויערן לויפט אַ האָז
ווי ער וואָלט זיך שעמען נאָך אַ פאַרשפּעטיקטער ליבע־נאַכט
און די ערד ציט זיך מיט ווייכע ברוינע ברוסטן
ווי אַ בעל־הבית׳טע נאָך געטאָנענער אַרבעט.

רו. אַלץ אָטעמט רו.
דאָס האַרץ אָטעמט רו און איך גלויב אים ניט.
איך גלויב נאָר דעם צעריסענעם קלאַנג אין אים.
דעם קלאַנג, וואָס זינגט ניט, נאָר שניידט.
פויגל צוויטשערן פון קליינע קעלעס
דורכדרינגענדיק, שאַרף ווי זיי וואָלטן זיך שטענדיק סותר זיין.
ראָבן שרייען. גרויזאַם. אַזוי דאַרפן ראָבן שרייען.
דער הימל שרעקט זיך ניט, שטרעקט זיך, און אָטעמט רו.
טיפע רו.

דאָס איז סאַררעי. רייגייט.
דאָס גרין קוקט סאַמעטן דורך הויכע פענצטער
און דערציילט ניט, אַז ווינטער קומט.
דער „טי־רום צום אַלטן ראָד“, ווייזט אַ ראָד בפירוש,
און לאַכט זיך אויס פון געשפּענצטער אין דער פרעמד
און פון דעם, וואָס עס ברומט ווי אַ טשאַד אין מוח,
וואָס איז געשפּענצטיקער, און ווירקלעכער, ווי די רו
וואָס איך בין געקומען זוכן אין סאַררעי
און קען זי נאָר זען.

אַ פּאַרמאַציע פלוגמאַשינען צעשנײדט דעם הימל
אויף געאָמעטרישע פיגורן,
אונזערע אויגן הענגען אין דער לופט,
לײענען די רמזים, װאָס עס טײטשט אומגעהײסענערהײט
די סירענע...

עס טאָגט אין רעדהיל, ס׳איז ניכטערן און קיל,
ראָסעס פון אַ טויטן מאָרגן שווייגן פאַרן פאַרגיין.
מיר לאָזן זיך אין וועג, דער טאָג און איך, אָן אַ ציל
און בייגן זיך פאַר דער ווינדמיל, וואָס שטייט אַליין
מיט אירע שאַרפע קאָנטורן איינגעפרעסט אין ליכט.

פון וויטרינעס לאַכט דער האַרבסט,
פירות און בלומען טראָגן די גרייטקייט פון סאָד
אַריין אין שטאָט.
מיין בליק לויפט ווי אַ געפאַנגענער פון תפיסה,
און שטעלט זיך אינערגעץ נישט אָפּ,
דער טאָג אַנטלויפט פון דער קוליסע
און לאָזט מיך אַליין.

די זון האָט אויסגעשאָטן איר פאַרמעגן
אויף דער ערד.
איך קען זיך ניט דערוועגן צו זען,
ווען מיין בליק איז פאַרהאָנגען מיט שטעכיקע דראָטן.
דאָס אויג באַהאַלט ניט קיין בילד
און קען דערינען ניט אַנטרינען.

דער מאַרק־פּלאַץ שפּיצט זיך צו ווי אַ דרייעק,
קלייטן, אַלט פּאָרצעלאַן, אַנטיקוואַרן און אַנטיקן,
דינע פּאַפּירענע בריקן פון די נעכטנס
צו דער אומזיכערקייט פון מאָרגן.

„גאָטס איז די ערד און איר פולקייט
די וועלט און אירע באַוואוינער;
ער האָט אויף די ימים זי פאַרפונדעוועט
אויף די טייכן האָט ער זי באַפעסטיקט"...

איך קום פון נאָענט און פון ווייט,
גרויסער גאָט, איך בין אַ פרעמדע,
מיין געזאַנג קומט פון אַן אַלטן ספר,
ס'איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרבייט...

מיין ספר ליגט פאַראומערט אין אַ זייט,
דער גרויער שטויב, דאָס פאַרלאַנגען פון גאָטס ערד;
„אויף די ימים זיינען אירע יסודות
אויף די טייכן האָט ער זי באַפעסטיקט..."

פון וואו איך קום וואַנדערן טייכן,
פאַרטריבן פון זייערע היימען,
סטאַדעס זיינען אַליין געבליבן,
בלאָנקען אין דער ווילדערניש אָן אַ פאַסטוך.

און די קוואַלן זיינען טרוקן, די קוואַלן פון דערבאַרעמען,
דער הימל איז טונקל, איך געדענק די וואַרעמע פלאַמען
פון געצונדענע ליכט
אַ געזיכט געווענדט צום הימל אין געזאַנג,
דער הימל איז געווען אָפן,
און דער וועג איז אַ וועג געווען, די וועלט פול פון קלאַנג,
און זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג איין גרויסע תפילה...

„אויף די ימים האָט ער זי פאַרפונדעוועט,
אויף די טייכן האָט ער זי באַפעסטיקט..."
ערב ראש השנה תש"ב

ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער.
איך ווייס ניט וואו איך בין, מסתם אויפן עולם התוהו,
צווישן הימל און ערד, פרעמד צווישן פרעמדע.
דעריבער איז אַלץ פאַרקערט, דאָס מיינט תוהו ובוהו...

סטאַלינגראַד, מאַדאַגאַסקאַר צי מצרים?
וואָס איז אַ נפקא מינה —
דאָס געפייניקטע פנים פון אייראָפּע
צעשליצט אויף מיליאָנען געמאָרדעטע יחידים.

ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער,
איך וואַנדל אין אַ קאָשמאַר, איך וואַנדל איבער גרינעם סאַמעט,
צווישן הימל און ערד, פרעמד צווישן פרעמדע.
גראָטעסק, אַז האַרבסט איז גאָלדן
גראָטעסק דער גרינער סאַמעט...

טיודאָר־הייזלעך אויסגעפּוצט מיט אַלטן מעש און יונגן גרין,
איך קלאַמער זיך אָן זיי, אָן די בערגלעך, די בריקן,
וואָס דריקן אויס אַזאַ אומבאַרירטקייט אין פערטן יאָר פון מלחמה.
סעפּטעמבער, 1942

עס איז קילער און שטילער אַרום די שליאַכן,
וואו דער טאָג קרויזט זיך מיט די בערגלעך אין סאַררײַ.
שטייגן ווי פּאַליעס, גלעטן זיך אויס און בעטן זיך איין.

אין טאָל. פּאַשעס, סטאַדעס שאָף,
גאָלדן ברוינע פערד טומלען זיך
איבער ברוינער ערד, ווי נאָר וואָס
אויפגעוועקט פון שלאָף,
און ברוינע רוקנס גלאַנצן בראַנזן
מיט פולע גראַבליעס תבואה
געטראָגן צו דער דרעשמאַשין.

שוואַרצע קראָען איבער סטאַלינגראַד.
די נאַכט איז רויט.
דער שטורעם פּייפט, און יעדער צד
איז איינגעאייזט צווישן ווענט פון טויט.
טויטן־באַריקאַדן פון הויז צו הויז,
פון טורעם בלאָזט זיין האָרן דער שניטער.
דער שניי שטיקט די קולות, דער פראָסט גליט אויס
מעסערשאַרפן גליצער, וואָס ציטערט
צום הימל בלאָס־בלוי און אומזיכער.
זיינע טויערן זיינען אַרויס פון די אַנגלען,
מיר לעבן אין דער פּאַלבאַנע פון וויכער
און גרויז, און יעדע פלוגמאַשין צייכנט אויס
מיט גרויסע אותיות אַ משפט.
די נאַכט איז רויט אין סטאַלינגראַד.

קראָען, קראָען לויטער קראָען
און האָבן ניט אָנגעזאָגט, אַז ווינטער קומט.
אויפגעשטאַנען אין בייזע שעה׳ן
און שרייען, אַז דער הונגער ברומט
צווישן תליות אויפן מאַרק.

און שרייען מיטן פראָסט,
מיט פיבער־רויזן אויף די באַקן
און לאָזן אַראָפּ זיך אויף אַ באַרג,
פאַרשטאַרצטע אברים, און פאַרקרומטע נאַקנס,
קראָען, קראָען, לויטער קראָען...

שרייען און האָבן ניט אָנגעזאָגט,
אַז ווינטער קומט מיט מאַסנהענגען אומעטום,
אויף באַלקן, אויף די ביימער יאָגט
דער תלין זיך, מיטן הונגער אויף אַ וועט
אין „נאָ־מענס־לענד" מיטן פראָסט, שטום,

וואו מיינע ברידער שטאַרבן אַנאָנים
הינטער דער גאַנצער לענג פון וואַנט.
זי ציט זיך, ציט זיך אין אַן אינטערים
פון ניט דאָ געדאַכטע טעג, צו נאָ־מענס־לענד...

אָקטאָבער, 1942

אַ צייט פאַר מסחר, און עס האַנדלט זיך...
פאַר איין פראַנצויז געפאַנגען בייט מען
אויס פינף אידן אַלץ נאָך פרייע.
דער אָפּמאַך, צווישן ריינע אַריער ווערט געטריי
געחתמעט און „געטעטיקט".

פינף אידן פאַר איין אַריער.
כמו שכתוב. לויטן אָפּמאַך.
אונטערוועגנס ווערן זיי קאַסטרירט.
פינף אידן פאַר איינעם אַ פראַנצויז.
טעגלעך פאַרלאָדן, אָפּגעפירט

אין טראַקס. ניט פאַרשלעפּט ווי אין דער אַנטיקע.
ריין זאַכלעך ווערן זיי פאַרלאָדן,
פינף אידן, פינף. פאַר איינעם אַ פראַנצויז.
זיי גייען ניט לאיבוד. אָן אַ שאָדן
גייען יונגע אין די וואַרשטאַטן

און שמידן אויס די קייטן,
וואָס לייגן די וועלט אין חרם.
וואָס לייגן די וועלט אין קייטן,
מענטש נאָך מענטש, פאָלק נאָך פאָלק,
לאַנדן זיכער אין די הענט פון „איבערמענטש."

ס'איז אַ צייט פאַר מסחר, און עס האַנדלט זיך...

אָקטאָבער, 1942

די זון האָט זיך אָפּגעווענדט.
מענטשן לעבן אָן זומער און וואַרטן אויף אַ פריען פראָסט.
די ערד איז אויפגעריסן, פאַרקלעמט אין שליסן גאַנצע שטעט,
לענדער גאַנצע אין אינגעווייד.
ימים האָבן זיך אַרויסגעלאָזן ניט געצאַמטע,
איינצורייסן אַלע צאַמען —
כוואַליען וועלדער, כוואַליען פעלקער
אויף אומבאַקאַנטע שליאַכן,
און אונטערוועגנס בייסט זיך איין אַ מענטש
אין מענטשנס נאַקן.

אויף סטאַנציעס, אין באַראַקן, אויפן מאַרש
קיין סטאַלינגראַד, שמעלצט די ערד איר אַרץ
אין ניט געהערטע גראַדן, ברעכט די ערד מיט שלאַם,
מיט מענטשן־גופים, און מיט טרופּן,
טרופּן, נייע טרופּן פון אַ תהום,
דער הימל רעגנט טרופּן, די ערד טראָגט טרופּן,
דער ים איז טרופּן־טרעכטיק,
מאָרד, מענטש, מאַשין, פליען שטיקווייז,
מאַסנווייז אינאיינעם מיט „איבערמענטש" אין גאַס.

די ערד ברעכט זיך, צעברעכט די וועלט אויף שטיקער
און דער עיקר: מענטשן וואַרטן אויף אַ פריען פראָסט...
אָקטאָבער, 1942

נעכטן, נעכטן דאַכט זיך איז געווען
דער טאָג פון מיין געבורט,
ווי לאַנג איז נעכטן?
ווי אַזוי איז אַלץ אויף איין קאַרט
געשטעלט?
וויאַזוי בין איך אַרויס פון ראָד?

ווען האָב איך פאַרגעסן
און וויאַזוי געפין איך זיך מחוץ,
שטענדיק אויף די קרעסן,
אַ זוכער נאָך אַ תירוץ
אויף דער פעריפעריע נאָר
פון צייט און רוים?

נעכטן, שטערן גייען זייערע וועגן
פון פאַר דעם טאָג פון מיין געבורט,
עס רוישן ווינט און רעגן
אַ וויכער רייסט די בלעטער פונעם בוים
און שרעקט מיין קינד אין טרוים
אָן תירוצים; וויאַזוי בין איך ניט אַלץ,
מיט אַלץ, וואָס נעמט אַרום די ערד?

צעגאַנגען אַלץ צו זאַלץ און וואַסער,
פון פייער אַלץ פאַרצערט,
פון שטורעם אַלץ צעריסן,
איך זיץ אויף אַ הויכן טורעם,
צומאָל אויף אַ אויסגעבלייכטן שטיין
און פרעג, אַ קשיא אייביק:
אַלט גענוג, צו זיין אַן עדות,
גוט גענוג, צו זיין אַ קרבן,
און שטאַרק גענוג, ניט אומצוקומען?

עפּעס פּעלט אין דער ירושה,
ערגעץ שליסט זיך ניט דער רינג,
די לאָקערונג אויף דער יבשה,
די זון צעזאָשרעט מיט אַ ווינק,
די רויט־קעפּיק פרישע שוואָמען,
די גיפטן אין די ברוינע שטאָמען.

דער הימל ציט זיך איבער הימלען
פלירטעוועט מיט ימים, מיט שטערן
זאָגט מען, וואָס האָבן אויך נאָך קיינמאָל
ניט געענטפערט אויף מיין קשיא, אויף די טרערן,
וואָס זיינען האַרט געוואָרן ווי קרישטאָל,
נעכטן ממש, אַ בראָקן צייט פון דריימאָל
טויזנט יאָר, אַ טראָפּן וואַסער אין אַן אָקעאַן,
אַ טראָפּן ראָסע אין אַ גרינעם טאָל;
אויף אַן אויסגעבלייכטן שטיין, זידט
אַ קשיא פון אַמאָל, פון תמיד, פון אַצינד...
די טאָוולען ליגן אויך צעבראָכן,
די אותיות פליען מיטן ווינט.

קיינער קוקט זיך גאָר ניט אום,
קיינער שטעלט זיך גאָר ניט אָפּ, ניט אויף פליענדיקע שמות,
ניט אויף צייכנס אויפן ברוק,
קיינער ניט פאַר אַ רמז, פון גאָט.
קיינער ניט...
וואַנדערן, וואַנדערן אויף צוריק,
פאַראַן אַ לאַנגער לאַבירינט
און דער וועג ווערט אויך אַ קרומער,
דער הימל ווערט אַ קרומער שפּיגל,
מיין פּנים ווערט אַ טייך אַ שטומער,
אויסגעטרוקנט פונעם שטורעם.

מיין פּנים ווערט אַ טייך אַ שטומער,
שפּיגלט בערג פון קאַטאַקליזם.

קלינגט מיט יעדן שאָרך פון ווינט.
קלינגט מיט יעדן קול פון דונער,
וואָס גאָט האָט פאַרביטן אין אַ וויסטן רעש,
בעת איך וואַרט אויף דער לבנה.

אונטער אַ בלעטערלאָזן בוים, בעת דער הימל רעגנט אַש,
וואַרט איך אַלץ אויף הקדוש־ברוך־הוא,
וואָס גייט אויף ווי אין אַ טרוים,
נאָר אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
ווי מיין ברודער, ווי מיין שכן...

קלייב זיך, ברודער, אויף וואַנדערוועג מיט מיט מיר.
איבער סטעפּן, צו די קאַמערן,
צו יעדער איינגעבראָכענער טיר
איבערן גרויסן תהום פון ווידוי
ביים פאַרהאַמערן פון טויער,
קלייב זיך, אויפן וואַנדערוועג...

די לבנה שווידערט און איז בלייך,
עס לויפן שיפן אָן אַ רודער
אויפן שוואַרצן ים און ים התיכון,
די סטרומאַס, פּאַטריאַס מיט מיין ברודערס הויזגעזינט,
וואָס ליגן ווייך איינגעבעט אין כוואַליעס
מיט גאַלאַנטע קאַפּיטאַנען זיכער אויפן גרונט.

ס'איז פאַר אַלעמען אומגעריכט,
אַז אויף יעדן באַרג פון ייאוש,
וואָס בוישט זיך הויך און געדיכט,
שניידן מיר פאַמעלעך קריעה
פאַר אַ נייעם בונד: שמע ישראל!
ברילט גאָט.
צי הערט ער: שמע קולנו...?

נאָוועמבער, 1942

פון וואַנען האָט יוסיפוס
געגומען די העזה, צו פאַרשרייבן ?
פון וואַנען דעם מוט, צו קלייבן
יעדן קלאַפּ אַנטקעגן וואַנט פון ווידערהאַרן,
צו פאַרצייכענען יעדן אות
און אַלץ, אפילו אַז ס'איז געווען שבת ;
ער האָט דערציילט, ניט אָפּגעווענדט זיך
און ניט געשעמט, וועגן שליחות פון וועספּאַזיאַנוס,
וועגן ווילד־ווייען געלעכטער פון די קריגער,
וועגן אייגענעם בזיון און קראַכן פון די ווענט,
און נצחון פון די שלעכטער.

דעם גרימצאָרן, דעם שפּאָט פון די וועכטער,
ער פאַרצייכנט און פאַרציילט,
דעם פאַל, די נקמה פון שונא,
דעם פאַל און דאָס פאַרטריבן ווערן,
די נקמות, די גרויסע און די קליינע,
דעם טאָג פון גרויסן שטאַרבן האָט ער דערציילט,
פון דער שענדונג פון בית,
פון שטאַרבן אָן חיבוט הקבר,
פון שטאַרבן און פון פאַרטריבן ווערן.

אַלץ איז פאַראַן, פאַראַן
און מיר קענען דאָס אַלץ נאָך הערן,
ווי דאָס ציט זיך אין איין שפּאַן
פון דעמאָלט אָן עד היום.
עד היום, די ווילדערניש און די פאַרוויסטונג,
די קרומע וועגן און די לאַמע וואַנדערער,
עד היום דאָס זוכן אין דער פאַרניכטונג
אַ פאַרוואָס, דאָס דערלאַנגען עד היום אַהין,
וואו ס'איז קיין וועג נישטאָ, קיין וועג נישטאָ.

פֿאַראַן צאָלן. צאָלן אָן אַ שיעור.
צאָלן. בלייבן שטעקן מיר אין האַלז
און געפֿינען ניט דעם וועג צום מויל.
שטיקן און געפֿינען ניט קיין וועג.
ניטאָ קיין וועג. דער הימל איז הויל,
און די ערד פֿאַרצערט פֿון פּחד
פֿאַר אַ האַרלעקין.

שיפֿן בלאָנקען אויף די ימים מיט גירושים,
טויטן־צוגן אויף די רעלסן אָן פּירושים
לויפֿן אָן פּירושים, איך בין דערגאַנגען
צו אַ וועג און ניט געקענט דערלאַנגען.

און דאָך, איך בין אַן עדות.
נאָר ציילן, ציילן קען איך ניט.
צאָלן זיינען עיקר און ציילן קען איך ניט.
איך בריזע ביז צום האַלז אין צאָלן
וואָס שפּינען אין מיין מוח אין אַ שפּינוועב,
פֿאַר אַלע מיינע קומענדיקע יאָרן,
פֿאַר אַלע מיינע קומענדיקע טעג.

איך בין אַן עדות.
נאָר יעדער אות איז אַ מצבֿה און שטייניקט.
און פֿאַרשטייניקט ניט דאָס האַרץ.
איך קען ניט לויפֿן פֿאַר די קולות,
ווייל דאָס אויער איז צעריסן,
דעריבער הער איך ניט קיין קול,
קיינער שרייט נישט.

אַ געשטייניקטע.
קיינער שרייט נישט. און די אויגן זיינען אָפֿן.
קוקן אין די קעלערן, דורך די מויערן,
אין די צוגן, צו די שיפֿן,

איך זע די נומערן, מײַנע ברידער,
די צײלערס, די געצײלטע
און די צוגעקראַכטע טירן
פֿון טראַנספּאָרט.
און זײ חתמנען מײַן געהירן.

נאָװעמבער, 1942

דערשיטערונג, וואָס קען נאָר געזעץ פון פאַלן.
דערשיטערונג, וואָס טראָגט דעם ציטער אין דער
פאַרשלאָסענער צעל,
און אַ קערנדל זאַמד אויפן ברייטן רוקן פון איר אומענדלעכקייט,
דערשיטערונג אין די ווייטע האַלן פון ווייסן פראָסט,
דערשיטערונג, וואָס ברילט דעם קלאַנג פון געשען און צעמאַלן ווערן,
פון צעריסענע פוגן אָן צוזאַמענהאַנג.

וואונד און ווייען פון דערשיטערונג, וואו איך וואָגל זיך
צווישן בראָקן פון ליים און פון בליי,
וואו יעדער ראָג מיינט אַ קרייצונג פון געשען און צעמאַלן ווערן.
און איך שריי דעם געשריי פון געשפּרענגטע פּלאָטן
אין דענישע פיאָרדן,
דעם מאַטראַזן־גרוס אין קאַטעגאַט,
איך שריי די ביטערקייט פון זיין אַליין,
כלי אַליין, און אַליין דער קלאַנג.
אַלע פוגן שרייען.

קלאַפּן.
אויפגעריסן איבעם שטראָם, וואָס גורגלט זיך
אונטער דער ערד, איבער דער ערד
און צעבראָקט אויף לויטער קליינע שטיקער יתום.
אַלע פוגן שרייען.
עפענען זיך ווייט איבערן תהום, וואו ס׳יערט די גרויסע נויט.

די גרימיקע נאַכט דעקט פֿאַמעלעך אָפּ
די טויטע און איר נאַרנשפּיל.
שטאַפּעטן טרעטן אויף, אָן קלאַפּן, אָן בלאָזן,
טרעטן אָפּ, אָן אַ ציל.
הינטער זיך דער מבול.

לאָקערט דער פֿאַרשטאַרצטער פֿאַנצער זיינע גליוועס,
שטייגן זיפֿצן ממעמקים —
די ערד ציטערט, געוויטערן טרייבן זיך
פֿון ראָג צו ראָג,
מרחקים זיינען ווייטע, און דעם ציטער
צייכנט אָן אַ סייזמאָגראַף.

די ערד איז איינגעשרומפּן,
קלענער נאָך געוואָרן.
די איינגעקאָרטשעטע קלומפּן
זיינען ניט מער ליים
און נאָך ניט שטיין.

פּאַסעס ברעכן זיך צווישן ליד און צער.
יעדע גראָז איז גרויס
פון וויגליד און פון קדיש זאָגן,
נאָך טרעכטיקע מעגלעכקייטן,
דערשטיקטע אונטער אַ דעקטוך.

די ערד איז איינגעשרומפּן.
קלענער נאָך געוואָרן.
די וויטן זיינען אַהינגעקומען,
איינגעזונקען אין די זומפּן
אונטערן דעקטוך.

פּאַנאַנדערגעשיידטע וויטן
מיט אַ וואַנט פון טויט,
ממשותדיקער פון דער בריק פון לעבן.
אייזערנע בריקן, וואָס רוקן זיך אָפּ פון ברעג.
די באָבע זאָגט, צדיקים גייען אויף פּאַפּירענע
און פאַלן ניט אויפן וועג.

פון זייט די ערד איז צעבראָכן
זיינען די בריקן פון לויטער אייזן.

צומאָרגנס איז דער שליאַך נאָך בלינד.
איך וואָגל זיך באַלאָדן אויפן וועג צו קבר אָבות,
פוסט און פּאַס לויפט אַ קינד,
איינגעבערענט דעם צייכן פון יאָרהונדערט אויפן שטערן.
וועלף פאַרלאָזן הונגעריק זייערע היילן,
לויפן איבערן אייז פאַרציקטע, צו די קרעסן.

דער פראָסט איז בלוי און ווייסע בערן
לויפן איבערן אייז. אַ וויכער רייסט דאָס שוויגן
אין שטיקער, און איך נעם זיך ציילן
פריע קלאַנגען פון דער נאַכט. און איך נעם זיך מעסטן
איילן. איך בין נאָענט צו אַ בית־עולם.

יעדער שריט איז אַ בית־עולם.
טויטע קינדער זאָגן קדיש, זייערע קולות
וויען מיטן ווינט. און דער גולם שניידט.
איך זע ניט קיין מצבה. דער וויכער רייסט
דאָס ליכט אין שטיקער.

איך קען ניט לייענען קיין שום נעמען,
און איך נעם זיך גאַנץ פּאַמעלעך
שניידן קריעה. חושך ליגט אויף מיינע ברעמען,
דער בית עולם איז אַ בלינדער,
ס'וועלן ניט קלעקן מיינע טעג צו ציילן,
שטיינער וועלן ניט קלעקן פאַר מצבות,
וואו יעדער שריט איז אַ מצבה,
אַ זכר אויף אַ שליאַך אַ בלינדן,
און ליכט צוקאָפּנס דאַרף מען צינדן,
און איך בין אַלץ נאָך דאָרטן וואו כ'האָב נעכטן
אָנגעהויבן עולה רגל זיין.

דער שליאַך איז בלינד און גרוי,
ס'גרויזט דער חושך פון אַ טויער
און אָט יאָגט זיך גאָר אַ ווינט
און קאָרטשעט זיך, פאַרמעסט זיך אַצינד,
מיך פון הינטערווייַלעכץ אומצואוואָרפן.

רואיק, ברודער, ביסט אַ וואַנדערער ווי איך.
מיינע פליגלען וואַזשען שווערע
ווי די קייטן אין די קעמפּס, און די זיפצן אין דיינע פּאַלעס
נעמען דורך מיינע לונגען, און פּאַכן מיט עקשנות
די גאַנצע, לאַנגע, ווינטערדיקע נאַכט.
אין מיינע אויערן די יללות וואָיען אַרום דער טאַטראַ,
אַרום דעם בראָקן, און נאָך מיין ברודער
האָב איך יאָרצייט יעדן טאָג.

ששש! איר מיט געוואַלט פאַרשטומטע, שווייגט!
דער ווינט איז טרעכטיק מיט אַ יעדן קול,
פאַרקרומט זיך מיט זיין וויסטער לאַסט,
פאַרקערעוועט אין יעדער חורבה,
אַלס מיין אורח, אַלס מיין גאַסט.
אַ גאַנצע נאַכט מיטן גרויז פון זיין יללה,
מיט דער קללה פון פאַרשטומען פאַר דער צייט.

מאַסטן ברעכן זיך פון שיפן. און וואָגלען זיך צעריסן
ווי פאַרביסענער געזאַנג. זיי זינגען.
דער ווינט אַליין ער ווערט געטריבן
פון פאַרביסענעם געזאַנג. און ער טראָגט דעם קלאַנג
וואו נאָר די אויגן טראָגן. און די אויגן טראָגן ווייט...

פון ביידע זייטן מאַלן מילן.
און איך געפין זיך גראָד אין סאַמע מיט.
און די אויגן צוגעבונדן מוז איך האַלטן דעם באַלאַנס.
דער ווינט אַ בייזער הינטער מיר

ברעכט מיט שלאַם פון די וואולקאַנען,
און מאַכט פאַרציטערן די ערד.

שווייגט! איר שטום געוואָרן שטומע.
יעדעס וואָרט געשוויגן איז געשטיגן מיר צום האַלז.
שטרעקט ניט שטומע הענט צום הימל,
יעדע האַנט אַ צייכן, קען ניט שטאַרבן,
שטאַרצט צום הימל און באַפעלקערט די ערד
מיט לויטער טויטע הענט...
ניט געפּענט.

דער ווינט האָט זיי צעבונדן מיט זיין שויערדיקן געלעכטער
און יעכצט יעמערלעך דורך אַ וואַלד פון טויטע הענט.
און יעכצט אַרויס זיין גיפטיקן הויך אין אַ נאַכט פון אייז.

ער טרייבט און עס טרייבט אים.
אָן רו ברודער, אָן רו.
די טאָלן זיינען פול פון בראַנד
און ער שפּרייזט אַהינצוצו,
וואו די מהומה האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן.
אָן רו...

קום, ברודער, ס'איז ניט פּעוונע,
די לבנה איז געוואָרן קרימזן רויט,
ביימער וויינען באָכן טרערן אינמיטן העלן טאָג,
דער הימל רעגנט גאָלע שטיינער
און דער ראָג האָט איינגעשלונגען
קינד און קייט, לעבעדיקערהייט.

קום, ברודער, גאָט האָט זיך אַליין פאַרלאָזן
און בלאָנדזשעט ערגעץ עלנט אויפן טראַקט,
צוגעריגלט אַלע טויערן פאַר זיך, און ווערט געשטויסן
פון געלעכטער, וואָס ברילט פון האָריזאָנט
צו האָריזאָנט. לילית טאַנצט מיט אירע טעכטער,
קום, קוק ניט אויף צוריק.

די סדומען און גירושים וואַקסן מיט דער שאַנד,
זייט גאָט איז נע־ונד. האַלט זיך, ברודער, אָן מיין האַנט,
די ערד איז גאָלע טרערן, און שיפן בלאָנדזשען אָן אַ רודער,
שטערן בליצן קאַלט און האַרט.

דער עמק הבכה איז פאַרוויעט מיט אַ זאַווערוכע
פון פאַרציקונג. האַלט זיך, ברודער, אָן מיין האַנט
און זוך ניט צו דערגיין וויאַזוי די רעדער דרייען
און צי די מילן מאָלן נייע טאָלן פון געוויין.
קום ברודער, ניטאָ קיין צייט זיך אָפּצושטעלן אין אַ געוויטער,
ווען קוואַלן רויכערן בראַנדגערוך
און די וועלט איז אָן אַ היטער...

מערץ, 1944

בלייבן נאָר די נעכט.
דער טאָג צעפאַלט אין טויזנט קליינע שטיקער
אומגעלומפערט און צעריסן.
נאָר ביינאַכט, ווען איך וואָגל זיך, כדי אויסגעפינען
וואו איז לינק און וואו איז רעכט
ווייזט צומאָל זיך וואו אַ בריק...

זי גענאַרט.
מיין קינד שלאָפט ניט אין וויג.
די איינגעגאַנגענע טויזנטער טייל
געפינען זיך אין חלל.
די קראָ ווייסט אַ וועג און שרייט.

אַ חלל אויסגעפולט מיט ליידיקייטן.
בלאָזן זיך ווי בערג און פאַרשטעלן מיר דעם וועג.
איך פרוב זיך, צו דערגיין פון הינטערווייללעכץ,
ווייזט אַ ליידיקייט אַן אויסגעמעקטן פנים,
פאַראויסגעגאַנגען דעם פאַטאַלן שטריך.

איך האַלט זיך אַן דער נאַכט.
זי פאַרדעקט די ליידיקייט אין וויג,
און דער ווינט דערציילט פון נעכטיקע טעג.
און האַלט פאַר זיך דעם סוד פון מאָרגן.
דער ווינט איז בייז,
ער פירט אַ קללה איבערן וועג.
מיין האַרץ איז אויסגערונען אין דער נאַכט
און איך זיץ ליידיק אונטער אַ צעבראָכענעם שטאַם.

אַפּריל, 1944

שלאָף, שלאָף, מיין ברודער, שלאָף,
דער ראַנד פון וואַלד איז שוואַרץ צעשטאַמפּט,
שוואַרצע זיילן פאַרבן רויט דעם הימל,
הונגעריקע סטאַדעס לויפן אַן אַ פּאַסטוך,
אויפן זאָטל פון אַ שימל הענגט אַ רייטער אָן אַ קאָפּ,
גייערפייגל זיינען גרין ווי גראָז,
שרייען אָן אַ טראָפּ אַ טויטן־ליד.

שלאָף, ברודער, שלאָף,
שלאָף און היט דעם רינג. די תקופה איז לאַנג
און די קייט איז זייער דין,
היט דעם רינג מיט געשלאָסענע אויגן,
אויפן מאַרק זיינען נאָר וואָס אויפגעשטויגן
מחנות, מחנות גרינע פייגל.
שלאָף מיין קינד, און היט דעם רינג.

שלאָף מיין קינד.
אַמאָל איז געווען אַ מלך...
משיח־בן־דוד, אַ געקאָוועטער, ליגט אין קייטן,
דער טאָג שווינדט פּאַמעלעך, ווי אַ גרויסע, האַרבע טרער,
אויסגעלאָשן פון דער נאַכט.

וואו מיין וויגל איז געשטאַנען, שטייט אַ קבר,
געגראָבן מיט מיינע אייגענע הענט,
דאָס ליכט פון מיינע אויגן, פון רינשטאָק איינגעזויגן,
וואו מיין אַקעראייזן גראָבט מיט יעדן אבר,
אַ קבר...

איך ווייס. און איך קען ניט פאַרשטיין
אַז וואו מיין וויגל איז געשטאַנען זאָל שטיין
אַ קבר, און איך קען זיך נאָר דערמאָנען,
וואו מיין חופּה איז געשטאַנען — —

איך פאַרשטיי ניט דעם פאַרבייט.
איך ווייס. נאָר איך קען ניט דערגיין,
פאַרוואָס מיין טויט האָט ניט קיין מיין,
אויב מיין לעבן האָט געהאַט אַ באַדייט?

און פאַרוואָס גראָב איך אינמיטן טאָג
דעם האַרטן ברוק אינמיטן מאַרק?
איך קען זען מיין געביין צו מיינע פיס,
פאַרוואָס קען איך ניט זען דעם פאַרוואָס?

און איך זע אַ פלאַם איבער מיר. אָן רחמנות איבער מיר.
זי גליט צייכנס אין מיין מוח. צייכנס אויף מיין שטערן.
נאָר קיין שפּיגל זע איך נישט. די צייט האָט זיך אויפגעשטאָפּלט
פאַר מיין טיר, פאַרשניידט זיך און איז פאַרביי...

פון זכריה הנביא דאָס בלוט זידט אויפן שטיין.
אונטערן שטיין די פליגלען וועלן קיינמאָל ניט פליען.
צייכנס זיינען איינגעגליט אין מיין שטערן
און דער שטיין וועט ניט רוען.

די פלאַם איז נע־ונד, און גליט אויפן שאַרפן קאַנט
פון גסיסה אויף דער ברייטער פלאַך
פון לאַנגן געקאַוועטן ווינטער.

די ראַבן אַרום און אַרום סמאַלען
זייער שוואַרץ געפעדער און שרייען.
שרייען.
אַלע פולזן שטייען ווי זייגערס אינמיטן שטאָט,
מיין קאָפ גייט ווי אַ ראָד
און איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס די הערצער
שטייען אומבאַוועגט.
אומבאַוועגט ווי די פלאַם איבער מיר.

אומבאַוועגט ווי זכריה׳ס שטיין.
די פלאַם בריט די אויגן, וואָס האָבן אויסגעזויגן
די גליווערונגען אונטערן שטיין.
בריט מיט דעם ציטער און אַנקום פון דער גרויסער נאַכט
פון אויפלייזונג.

ניט אויסצוהיטן זיך. די נאַכט איז פאַראַן.
די פלאַם האָט זיך ניט געביטן.
גליט גרויזאַם איבער מיר, פירט מיך איבער אַפּ־ און צוגוס
און שטעלט אַליין זיך מיר אין וועג. ניטאָ קיין הפסקה.
די פלאַם ברענט און די וויסטענישן זיינען גרעל און האַרט.

אַלע מאַסן וואַסערן אויף מיין שטערן,
אַלע מאַסן ערד אויף מיין ברוסט.
די טויערן פון הימל זיינען פאַרהאַמערט.
די ערד וועט זיך שפּאַלטן נאָך פּאָר אַ פאַרבייט.
ווען דער הימל האָט זיך געשפּאַלטן, האָב איך הפּנים פאַרזאַמט.

וואָס די ערד דעקט צו, זאָגט די מאַמע,
מוז מען פאַרגעסן.
מיין ברודער ליגט אויף פרעמדע קרעסן, אָן רו.
מיין קול איז אָנגעזאָפּט מיטן עונש פון דער צייט
אָן ליכט, אָן פינצטערניש, אין אַ רויטער שעה
פון בין השמשות.
איך געדענק נאָך שטערן.
אַצינדערט זיינען זיי זייער הויך
און זייען טרערן אויף דער ערד.
און אַרום דער ערד אַ רינד פון אייז
און איבערן ליכט אַ שוואַרצן שווערן רויך.

איך טרייב זיך אַרום מיט דער נאַכט, וואָס איז בייז
און לויף אַרום ווי אַ טרעמפּ,
ווייל די זון איז געביסן פון אַ וואַמפּיר
און בלוטיקט טעמפּ,
און בלוטיקט רויט, און בלענדט מיינע אויגן,
וואָס האָבן נאָך ניט אויסגעוואויגן דאָס וואָרט
וואָס איז געוואָרן שטיין.
...אַשן שיטן זיך איבערן חלל,
די זאַלצן ווערן זאַלציקער אין ים,
די זיסקייטן ביטער, קוואַלן געבערן קרעמין
און שפּרענגען מיין מוח מיט זעקס מיליאָנען דו.

זיי אַלע שלאָפֿן, וואָס האָבן גענומען מיר דעם שלאָף
אין גרינע וועלדער, מיטווילדע שנייען ;
די לבנה איז אַליין און וויינט ווי אַ קינד.
אַ הונט בילט אויס זיין ווילד געשריי
צו אַ וואָיעדניק בייזן ווינט,
דער ווינט איז אַ בייזער קומפּאַן.

פֿאַרשניטענע נעכטנס וואַרטן ניט אויף מאָרגן.
פֿייגל האָבן פֿאַרגעסן דעם מאָרגן־געזאַנג,
דער ווינט האָט געוואָרגן די יונגע אין נעסט,
די צווייגן געהוילט פֿון גאָלדענעם איינהיל,
דער ווינט איז אַ בייזער קומפּאַן.
גענוג גענאַרט די וועלט מיט רויטן גאָלד.
עס איז ניט געמאָלט צו מעסטן פֿעלדער,
ווען דער בית הקברות איז פֿאַרקאָוועט.
הונגער און ווינטער האָבן מיך אַוועקגעשטעלט,
צו האַלטן וואַך איבער יענע, וואָס שלאָפֿן אָן אַ חלום.
דער ווינט איז אַ בייזער קומפּאַן.

די סיבות זיינען זיך סותר און די וועגן
פֿירן אינערגעץ נישט. זיי זיינען ווייטער ווי נאָר דאָ.
פֿיר וועגט אָן אַ טיר, און די קללה, וואָס איז געלעגן
אין פֿיר איילן פֿאַר מיר.
דער ווינט איז אַ בייזער קומפּאַן.

מיטגענומען מיט זיך חוקים און מנהגים,
און מיך געלאָזן מיט אַ קראָ.
ששש ! ס׳רייט אַ רייטער איבערן וועג.
די מיילן־שטיינער זיינען אויך נישטאָ.
ניט געזייט און ניט געשניטן.

קליינע קינדער אָטעמען סם.
דער ווינט איז אַ בייזער קומפּאַן.

דאָס רענדל איז צעביטן,
די אָפּגעריבענע מטבעות ליגן אין אַ געלעכערטן טאָפּ.

ניטאָ קיין ירושה. אַש. גרויע אַש.
דער ווייסער פראָסט וועבט חופה־קליידער,
איבער נאַכט זיינען קליינע קינדער
אויסגעוואַקסן פון אַזויפיל טויט...

קום. דער מאַרק איז פוסט.
נאָר כ'האָב באַוויזן אַן אוצר צו באַהיטן,
אַן אידלשטיין פון ליכט און אייז,
שאַרף און האַרט ווי דימענט:
קאַלטן כעס, מיין טויב, קאַלטן כעס,
וואָס בריט און גלימערט.

היט אים, ברודער, ווי אַ קמיע
ווי אַ היטער, וואָס וועט דיך היטן,
וואַרעם זיך מיט אים, מיין טויב,
אין אַ געפאַר פון ביטול,
מיט קאַלטן, מיט פרוכטבאַרן, געבענטשטן כעס
וואָס שפּייזט די נאַכט
באַלייכט זי. כישוף'ט ביין צו ביין
און היט אָפּ פאַר פאַרשטיינערונג.

שטעט צעפֿאַלן אין מיין קאָפּ,
הייזער ברעקלען זיך אין מיין געהירן.
חורבות יאָגן זיך, דורך אָפֿענע טירן,
גלאָצן דורך אַלע ווייע אויגן פֿון מיין קאָפּ.

אויפֿן גאַס איז אַ געיעג.
מעסערס קריצן אויף געשטיין,
און צעשליצן אונזערע טעג
אויף רויע שטיקער רויטע פּיין —

שטעט צעפֿאַלן.
איינגעזונקען רויטע באַלנס
ליגן אויפֿן קאַלטן גרונט:
שטעט צעפֿאַלן.

ווער זאָגט, זיי זיינען אויסגעמעקט?
אינמיטן מאַרק בילט אַ הונט!
בילט און זוכט דעם טרעק,
בילט און לעקט די שוים
אין אַ פֿאַרשטאַרצטן מויל,
בילט און לויפֿט אַוועק,
בילט און וועקט מיין קינד...

שטעט צעפֿאַלן, חורבות וואַנדערן ווי כאַכליעס,
און באַזעצן זיך אין מיין געהירן,
איך יאָג אַ באָרוועסע איבער ווענט,
איך רייס זיך דורך אָפֿענע טירן,
מיין ברודער האָט מיך ניט דערקענט,
און זיין פֿאַרגלייזטער, ווירער בליק,
טרעפֿט מיך ביז אין אַפּל פֿון מיין אויג.

איך יאָג אַ באָרוועסע איבער וועגט,
איך רייס זיך וואונד צו די יסודות
איבער דער ווייטער מדבר פון מיין הארץ,
שאָטנס ריכטן אָפּ עבודה
אַ הימל ענטפערט, גרוי פאַרשטאַרצט.

אַ, עס ציט זיך אַ מהלך,
שולן ברענען. אין דער גאָלדענער הויט
פון פאַרמעט לייכטן מיינע ברידער
אינאיינעם מיטן פאַרמעט פון די ספרים,
אין פּאַליש ביי דער וואַנט אַן עלנטער זיצט גאָט,
מיט זיינע זינגער, זיינע זאָמען,
באַלויכטן פונעם רויטן פלאַם, וואָס גליט פון אָרון...

שריפות ברענען אין מיין קאָפּ,
און פאַרשרפ׳ען אַלע גרינען, וואָס די וועלט פאַרמאָגט,
און צערייסן אַלע סטרונעס פון אַ נייעם טאָג
און אַלץ גייט אָנעט אונטער אַ קאַרטינע,
וואָס איז דער וועלט פאַרשטעלט...

און אַלע קולות אין מיין קאָפּ,
די הויכע און די דערשטיקטע,
אויסגעלאָשענע און פאַרציקטע
אַ הוראַקאַן פון קולות, וואָס קענען ניט דערגיין!
אַ, איך הער אַ יעדן איינעם
און קען זיי ניט מרמז זיין,
איך זוך אַ צייכן אויף אַ וואַנט,
אַזויפיל וועגט געפאַלענע —
אינערגעץ ניט קיין צייכן, ניט קיין האַנט
...קולות, קולות אין מיין קאָפּ...

מיין האַרץ זינגט מיין הויז אין טרויער,
מיין שוועל זיצט שבעה פאַר אַ פאַרשלאָסענער טיר,
איך בין אַ טרעמפּ אויף אַ שליאַך וואָס איז אויסגעמעקט,
אַ גייער פאַר אַ פאַרריגלטן טויער...

אַ ביין פון די ביינער, וואָס ליגן נאַקעט אָן אַן איינהיל,
אַ קול אָן תפילה, מיין האַרץ איז אַ קאַלטע הייל,
אין בין אַ פלאַם אין גוס׳ען, וואָס קען זיך ניט לעשן,
זכריה׳ס בלוט, וואָס זידט אויפן שטיין...

מיין האַרץ, אַ קאַלטע הייל אויסגעפּולט מיט אַ שוואַרצן,
אויסגעמעקטן שם. דער פאַרשניטענער וועג
ענדיקט זיך אין אַ הקדש. אַ הקדש.
ניט אַ בית עולם. אַ הקדש אָן אַ ברעג.

אַ דעקטוך פון נעפּל איבערן גאַס.
און בייזע בשמים, וואָס זייערע טרעגער אָן אַ נאָמען
טראָגן דעם האַשיש פון נעפּל אין די מוחות,
דער האַשיש פון נעפּל אין די הערצער...

דער טאָל וויגט זיך ווי אַ וויג, צומאָל
ווי אַ ים, באַזעסן פון פערמענט,
פון סם פון האַשיש, פון סם פון אויפלייזונג.
דאָס ליכט איז שיכור. ליגט ווי אַ תם.
אָן תרעומות.

אײנע אַלײן. דאָס גרויע אויפֿן שטײן איז די נאַכט.
פֿריבאַגין איז אויסגעשײלט פֿון אײנהיל,
פֿאַרשעמט פֿאַרן טאָג, איבערגעשראָקן פֿון דער נאַכט.
און די וואַכן פֿון דער נאַכט זײנען פֿאַרגאַנגען.

די נאַכט קוקט אויפֿן געבײן און קלאָגט זיך.
איר װײגעשרײ רײסט דעם נעפּל אין שטיקער,
אַ גרויער שפּינוועב שפּינט אירע זיפֿצן, וואָס זיפֿן זיך,
אַש, שטויבגרויע אַש אויף מײן פֿענצטער.

אַ משוגענער גלאָק רײסט דאָס שפּינוועב אין שטיקער,
די חלומות אין פּאַסעס, דער װינט טראָגט בראָקן
פֿון ניט־דאָ־געדאַכטע טעג, אָן צוזאַמענהאַנג,
פֿון אַ וויסטן געיעג איבער אַלע פּוסטע פֿעלדער . . .

מײן לשון איז אָפּגענומען. די ווערטער זײנען אַהינגעקומען,
און איך קען ניט וואָרענען דעם פֿריבאַגין,
די טויטע בלאָנקען אָן קבורה, די לעבעדיקע
אָן אַ מקום מנוחה. די לופֿט איז אָנגעזאָפּט מיט סם
און דער האָן קרײט, אַז די נאַכט איז אַנטרונען.

דער טאָג איז אַ פּאַלאַץ מיט אויסגעזעצטע פֿענצטער,
מיט אַ פֿאַרקוילטן, בלינדן האַרץ.
יעדער חלום, אַ פֿאַרזעעניש, וואַרפֿט צו אַ נײעם פּוד געוויכט.
דאָס ליכט איז שוואַרץ.

ס׳מוז זײן נאַכט. ווידער נאַכט.
ווי גרויס איז די נאַכט ?
אויף מײן שוועל שטײט אַ גולם פֿון אײזן.
ביסטו די נאַכט ?

די וואַכן זיינען אַהינגעקומען.
איך בין איינע אַליין. אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל.
איינע אַליין.

אָן אַ נעכטן, אָן אַ מאָרגן.
די צייט ליגט אויף דער ערד ווי אַ צעבראָכן געפּעס.
די ערד ציטערט אונטער איר געוויכט,
און שליחים פּרוּוון אויספּרעגן ביי דער זון.
מיין פענצטער איז פאַרהאָנגען מיט אַ שפּינגעוועב,
מיט אַן אַשן גרויען שפּינגעוועב...

אין מיר זיצט די נאַכט און אַלץ וואָס איז אין איר.
איך זיץ אויף איר זוים און בעט זיך נאָך אַ טרוים,
נאָך אַ וואונדער, אין דער ציטערנדיקער שטילקייט, וואָס טראָגט
מיך אַרויס אין רוים, וואָס האָט ניט קיין טיר,
וואָס האָט ניט קיין מאָס...

איך גריס דיך, נאַכט אָן מאָס,
איך וואָלט דיך וועלן בענטשן, נאָר איך וויים צופיל,
ווייטקייט אָן זיכט און אָן מאָס, וואָס זיצסט אין מיר,
איך גריס דיך — —

איך וויים אַלץ, וואָס איז מעגלעך,
מיין ליבע אומענדלעך בייט זיך אין פּחד אומענדלעך,
איך טרינק טעגלעך דיינע פינצטערקייטן
און וואַרט אויף דער ערשטער בלייכער שעה
פון ליכט.

איך זיץ אויף אַ פעלז, אַרומגענומען פון דער נאַכט,
און די נאַכט זיצט אין מיר,
די זאַפטן, וואָס שטייגן, זיינען ניט פון פרוכט.
שטייגן ביז צו די קליינע שפּיציקע שטערן, וואָס בליצן.
די לבנה זעט אויס ווי אַ גרייזגרויער קינדערקאָפּ,
וואָס האַלט זיך אין אויפלייזן.

די נאַכט זיצט אין מיר, איך קוק מיט אירע אויגן,
מיין האַרץ איז פאַרגאָסן פון איר,
איך זיץ לעבן מיין האַרץ און זע ווי עס ראַנגלט זיך
און איך וויים ניט פאַרוואָס.
די נאַכט איז אָן מאָס און רייסט מיך אין שטיקער,
איך וואָלט וועלן מתפּלל זיין, ווערט די תּפילה אַ כלי,
וואָס איז צעשפּרונגען, יעדער זיפץ אַ צעבראָכענער כוס...

כ׳וואָלט האַלטן אַ הספד נאָך מיין האַרץ,
וואָס ליגט אין הייל און דאַרשט נאָך צאָרן,
דאַרשט נאָך רעגן אין דער מדבר,
גאָטס צאָרן האָט זיך ניט באַוויזן...

איך מאַידאַנעק גייען אויף די קרויט־קעפּ,
אין לובלין האָט זיך גאָט פאַרלוירן
און וועט קיינעם גאָר ניט פעלן...
אין אָסוויענצים איז דער הימל איינגעזונקען
און גאָט האָט ניט געשריגן...

אין פוילישע וועלדער וואַקסן גרויסע שוואַמען
מיט רויטע קעפּ, דעריבער אָטעמען מענטשן סם.
קינדערקעפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגן
אין סטריקטע פעסטגעזעצטע קינדערטעג.
גאָטס צאָרן האָט זיך ניט באַוויזן...

דער שרעק בליט, ניט דער צאָרן,
דער שרעק בליט, קראָפּעווע אויף אַ פאַרוויסטן פעלד,
מענטשן אָטעמען סם, מיט דער לופט,
מיטן פרילינג אין די צווייגן,
מיט דער זון אין מאַרגנרויט, אין אַ פוילישן וואַלד.
גאָטס צאָרן האָט זיך ניט באַוויזן...

„די ערד זאָל דיר ניט שווער זיין“,
פלעגט די מאַמע זאָגן, אָנשטאָט צו קלאָגן
אויף אַן אבדה...
די ערד, און דאָס וואַסער, און די לופט
איז זיי גרינג, זיי זיינען גרינגער צו ערד
און צו וואַסער, און צו לופט.

די ערד טראָגט זיי. די זון איז אַן אויוון
פון רויטן זשאַר. די פלאַם אין האַרץ איז טונקל.
די זון בלייכט די ביינער ווייס, דאָס אומקרויט
פעט און גרין. און איז מתחתן זיך מיט אויסגעבורטן,
און באַשאַפט אַ נייעם דזשונגל אויף דער אויבערפלאַך.

יעדער צווייג איז אַ ליכט צוקאָפּנס.
יעדער בוים אַ געפאַלענער ברודער,
יעדער וואַלד אַ בית הקברות.
דער פּאַלאַץ אויפן באַרג אַ געשפּענצטער ערי מקלט.
די שיפן פירן אַ מאָדנע פראַכט,
די וואַסערן האָט די זון אויסגעגלאַנצט ווי אַ שאַרפן חלף.

די כוואַליעס פאַלן און טונקלגרינע קוואַלן ברעכן נייע.
שיפן זיינען איינגעאיילט אין גרינע וואַסערן, סאַפּען,
שטייערן צום ברעג, וואָס רוקט זיך אַוועק
ווי אַ מראה אין דער מדבר...

מויערן פאַלן, נאָר ניט אין יריחו.
און נישט די פלשתים פאַלן.
איך קען ניט פאַרצייכענען, ווען איך האָב יאָרצייט,
איך ווייס ניט נאָך וועמען.
די זון שטייט אינמיטן הימל
אויף אַן אויסגעגלייכטן שטח.
אָן מדרגות.

עס דערגייט מיך נאָר אַ ווידערקול.
אין די אויערן בריט דאָס בלײַ
פון פאַרגאַנגענעם ווייגעשריי
און פון ווייגעשריי באותו רגע.
אַלע זומפּן יערן און דאָס וואָרט
קען ניט געשליפן ווערן ווי דעם תלינס אַקסט.

מויערן פאַלן. חושך באַזעצט זיך אין די היילן,
דאָס גאָלדענע ליכט איז אויסגערונען,
דאָס גרויסע אויפרוימען איז ממש ביים שוועל,
קאַנאַלן שוועלן דיק און רויט,
פון אַזויפיל טויט אָן אַ מאָס, אָן אַ פאַרוואָס.

דאָס געוויין איז רויט.
אַ רויטער פייער שלינגט די טרערן,
טרוקנט די טייכן,
און די זאַמדן רינען אויס.

די זון ברעכט זיך און דער זשאַר איז פינצטער.
דער ווינט שפּרייט זאָמען, וואָס טראָגן אַ בייזע גערעטעניש.
פייגל זינגען פון געשאָכטענע קעלעס,
קיינער גלויבט ניט, אַז ס׳איז פרילינג,
דאָס ליכט איז אַ קטיגור און שרייט: „שולדיק!״

די ערד שפּאַלט זיך, און בערג וואַנדערן אין פּוילישן וואַלד.
ביימער וואַנדערן, מיט הענגענדיקע צווייגן, ווייס און טרוקן.
טייכן זיינען טרוקן. דער האָריזאָנט בייגט זיך איבער דער מדבר,
דער טאָג איז אויסגעגאַנגען אין אַ טויטן שפּיגל.
דאָס ליכט איז אַ קטיגור און שרייט: שולדיק!

די טייכן זיינען טרוקן. דאָס געביין ליגט,
אויסגעשאָטענער שאָטער, אויפן שליאַך.
דער וועג איז אָפּגעשניטן מיט פינף יאָר פון טויט.
צי איז אַ שטערן צעשפּרונגען, צי פּלאַצט די ערד פון פוילקייט?
דאָס ליכט איז אַ קטיגור און שרייט: שולדיק!

די זאַפטן אין די אָדערן זיינען שטיינהאַרט.
דאָס שיטערע גרין אויפן שטיין גענאַרט.
דער גזשאַנג אין פּוילישן וואַלד האָט ניט קיין בשורה,
די, וואָס זיינען געגאַנגען, קומען ניט צוריק,
און קיינער וועט ניט קענען דערציילן,
אַז די ערד איז גרין געווען און האָט ניט געהאַט קיין מיין.
דאָס ליכט אַ קטיגור און שרייט: שולדיק!

איך וואָלט ווען קדיש זאָגן,
קדיש זאָגן מיטן קול פון גאָר אַ קינד,
וואָס ווייסט נאָך ניט וויאַזוי צו קלאָגן.
נאָר אַלע שכנים זאָגן: יתום.

איך וואָלט ווען קדיש זאָגן
מיטן וואָרט,
נאָך ניט אויסגעטראָגן פון ווייען,
אויסגעווייטיקט פון די אָנמאָסן פון אונזער טאָג.

קדיש זאָגן מיטן קול נאָך ניט געבראָכן,
פון די ווידערקולות אינעווייניק און מחוץ,
נאָר רוי און ריין ווי פון אונטער דאָרנבושן,
ווען מיינע אויערן זיינען ניי געווען
און ניי מיין לשון.

איך וואָלט ווען קדיש זאָגן
מיטן וואָרט, וואָס זאָגט שוואַרץ איז שוואַרץ
און קלאָג איז קלאָג, אָן טרייסט, און אָן טאָג
און בלייבן זאָל נאָר די נאַכט,
די גרויסע אייביקע אייזנאַכט אין מיין האַרץ.

קדיש זאָגן נאָך די זומערן, פאַרשניטן לעולם ועד,
נאָך ברונעמס פאַרשאָטן אינמיטן ווייסער וויסטעניש,
נאָך אויסגעלאָשענע שטערן, געפאַלן פון אַ לויטערן הימל
ווי גאָלע קרעמין אָן אַ מיין,
נאָך אַלע טרערן, וואָס האָבן ניט באַפרוכפּערט גאָטס גענאָד.

לאָז מיך אָפּ, לאָז מיך אויסגעבורט,
איך האָב מורא ווי אַ קינד פאַר אַלץ אין דער קאָרט
און דו באָדסט זיך אין מיין שרעק...
לאָז מיך, צי טראָג מיך גאָר אַוועק, ווייט אַוועק
מיטן ווינט, מיטן ים,
נעם מיך גאָר מיט מיט דיר...

דער ים בעט זיך ווי אַ וויג פאַר מיין טיר,
איך ליג אויפ׳ן ברעג און טראַכט וועגן יענע,
וואָס האָבן דעם ברעג ניט דערגרייכט — —
די זון צינדט אָן די גרינע פלאַך,
וואָס לייכט און בייט זיך אויף אַ דאַך פון בלוי,
און גייט פּאַמעלעך אויס אין גרוי,
אין אַ זילבערן גרוי...

איך ליג אויף אַ בעט פון זילבערגרינער זייד
און עס טיליגט נישט דאָס רויט,
דאָס העלישע רויט אין מיין האַרץ.
בליצן אויפן ים, פונקצעשפּריצט.
אַ קאָנצערט פון קולות זינגט אין מיין אויער,
געפרעסטע צייכענס טומלען זיך קאַפּויער
צוגעטריבן ביז צום קוואַל,
די זון זיצט אין זעניט און שטראַלט.

אין שויס פון טאָג גליט טיפע רו.
די רו אין דער באַוועגונג
ווער ס׳שעפּט אין חלום אויס די שעה,
ווער ס׳זינקט אַריין אין חלל.
אַלע פונקען אוצר.

זילבער־ברונעם. רוישן,
באַריידעווודיק און צוריקגעהאַלטן.
שלאָף, שטילקייט,
ווייך, שמן זית,
ווייך ווי דאָס אויג,
דאָס גרויסע בלויע אויג,
זיידן, שטאַרק,
אויסגעשפּאַנטע זייד,
בווישט זיך ווי אַ באַרג מיט ווייסע רענדלעך,
בלויע רענדלעך נאָר אָן גשמיות,
ווייך ווי אַ הויך — —
און די ערד, די ערד טונקל
ווי דאָס געוויכט אויף מיין האַרצן.

לאָז מיך מאַנסטער,
לאָז מיך נאָר אויף איין מינוט,
דאָ שפּילן פייערן אין גאָלדענער גלוט
און ליכטער און שטיינער און ביינער,
וואָס שמייסן ווי אַ רוט
די שאָטענס אויף מיין הויט.
לאָז מיך אָפּ,
פאַרוואָס דערמאַנסטו מיך אָן קברים,
ווען קיין קברים זיינען ניטאָ.

גרויס בלוי אויג, האָסטו געזען די קברים,
די קברים און דו וויינסט ניט?
דעם חלל און די ליידיקייט און רוישסט?
מיין מאַמע האָט געוויינט באַכן טרערן,
און שטערן האָבן געקוקט ווי מ׳האָט אירע טעכטער פאַרשלעפּט.
זי איז אויך געגאַנגען,
נאָר אָן טרערן,
אַ זקנה אויסגעוועפּט.

בלוי אויג, טעמפל גרינער,
ביזטו פֿאַרגלייזט?
צי איז דער שימער אויסגעלייזט פון דיינע טרערן,
צי פון מיינע,
קאָנען דיינע וואַסערן, די אייביק נייע
ניט אַפּוואַשן, ניט מחדש זיין,
וואָס וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגיין?
ניין, לויף ניט ווייטקייט,
די נאָנטע זיינען אַהינגעקומען
און איך טענה צו די טעג,
וואָס זיינען אויסגערונען אין אַ תהום,
ענג פון לויטער לײדיקייט.
**
*
דער האַריזאָנט איז שוואַרץ,
און דער ים פּלוצים אַלט און קאַלט,
אַ בר מנן אין קבר.
די שטראָמען שטייען שטיל אין האַרץ
און ס׳איז שווער צו זען דעם מלך׳ס וויינגאַרטן.

אַוואו זיינען די כלים, די קלאַנגען,
דער טיקטאַק פונם זייגער,
דער געזאַנג פון נעכטן, די פידל,
די חופּה, דער ליבגעזאַנג
און דער געלעכטער,
שווער צו הערן אפילו אַ שאָרך.
ענטפער, ווייטקייט, אייביקע,
צי ביסטו אויך נאָך אויף דערוויל?

זיי זאָגן דו ביזט אייביק,
די זון, וואָס טונקט זיך אין דיינע טיפן אַלע נאַכט
נעמט מיט די אויגן פון מיין קאָפּ,
בעת איך טראַכט,

צי וואָלט איך זיך אָוועקגעריסן,
וואָלט איך האָבן די מאַכט דערצו?

דו ליגסט ווי אַ דאָם אין גרינער פּאַטינאַ,
געטאָוולט פון אייביקן שטראָם,
אויסגעגלאַנצט פון בלוי פון הימל,
אָפן ווי מיין אויג וואָס דאַרשט נאָך לינדערונג.
דער שטראָם אין מיר איז רויט
און וויקלט זיך אַרום די מוטערס,
צי האָט דער שטראָם זיך אָפּגעשטעלט,
צי גייט ער אויף צוריק,
אָוואו איז די בריק?

לויף ניט הימל.
דו בייטסט זיך יעדע רגע און איך
ליג אָפן צו די איבערבייטן.
ס'האָט זיך קיינער ניט געזעגנט
פון מיין הויזגעזינט
און אויפן שוועל זיצט אַ קינד און ווייסט ניט.
אין מיין פאָטערס הויז ליגן אַלץ נאָך די פאַרשניטענע
און ס'האָט קיינער ניט באַוויזן זייער רעכט צו טון — —
און איך אַליין, טיף אין מיר אַליין,
וואו דער שיר ווערט טרער איידער ער ווערט שטיין.
איך טרענק זיך צווישן ליידיקייט און ערשטער טרעפּ,
איך זוך אַן אָנהאַלט אין דער ביטערער גרויס פון קוואַל
און איבער מיין כח צו שעפּן אַ שטראַל פון דערבאַרעמען.

איך קען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן
אפילו מיט געשלאָסענע אויגן,
למראית עין זעט אַלץ אויס ווי געוועזן,
די וויטע וואַסערן און די וואַנדערער,
און די עלענטקייט פון אַ שטיין.

קוקט אַ שטערן אויף דער וויסטעניש?
איז דאָס ווייסע אויפֿן גרונד נאָך מיין ברודערסביין?

און פון דאָנען ברודער, איז דער וועג נאָך לאַנג.
פון מיין פענצטער דאַכט זיך, אַז מיר זיינען נאָענט.
מעוועס פליען מיט אַ שטיקל וועג,
הענג איך אויף די פליגלען
מיטן באַנגן געפיל, אַז איך פאַל
אויפֿן גרונד, פון ניט דערגאַנגען זיין...
אַלץ וואָס איז פאַרשווינדט.
עס פאַרבלייבן נאָר די צייט, און איך
אַ שפּילגעצייג
צווישן נעכטן און אומענדלעכקייט.

די טויטע ליגן לייכט,
די ערד איז זיי גערינג,
וואָס גיסט זייער סוד אַריין אין ים
אינמיטן טאָג, וואָס קלינגט אָן איבערייס
די פאַרוואַנדלונג סתם,
די אייביקע,
זינגט זייער אייביק ליד.
דאָס ליד פון די טויטע.

און איך דער יורש
און דער פירוש זייערער האָב דעם לשון אָנגעוואוירן.
דעם לשון אין אַ וויג פון גרינער זייד,
מאַרמאַרירט אין לייד פון די פאַרגאַנגענע,
איינגעגאַנגען אין די אייביקע טויערן פון אנטרונען ווערן.

אָ, געדיכטע וויג פון זייער ניט זיין,
וואו זיינען זיי אהינגעקומען?
איך גלויב ניט אין עפר ואפר.

איך וויל ניט. איך מאָן, מאַרמאָר, שטיין,
קאַלעך־אויוון, אָוואו איז דאָס געביין פון די ניט געוואָרענע ?
וואו דאָס זאָלץ פון זייערע טרערן ?
דער שמייכל, דאָס פאַרגליווערט ווערן...
דו קענסט ניט ענטפערן נאָר מיט לײדיקע וויגן
מיט אַ וואַלד פון לײדיקע וויגן,
די ערד האָט נאָך ניט צוגעדעקט,
וואָס איז מיין ברודערס אַש,
דער ים פאַרטויבט די שטילקייט מיט אַ רעש,
איינגעשפּאַרט אָפּוערענדיק די ערד,
שווער פון חטא און סוד.

דער מאָרגן זיצט אויף מיין שכנ׳ס דאַך
און קוקט פון וויטן אין מיין פענצטער — —
דער גאָלדשמיד האָט די קלייט פאַרשלאָסן,
זאָגט ער אָן מיט זאָרגן,
זאָגט דער מאָרגן בלאַס,
די זונענקויל פון אונזער זייט איז אויסגעלאָשן,
דער צירונג איז קאַלט און איז נאַס
און דיין פּנים ווייזט ניט קיין שטראַל...

גוטמאָרגן, מאָרגן, זאָג איך שטיל,
איך וויל דו זאָלסט זיין גוט,
און דו זאָלסט וואַקסן ווי דאָס ליכט אין אַפּריל
און דו זאָלסט פאַרגעסן נאָר אויף איין מינוט,
אַז עס איז נאָך פינצטער
און דו זאָלסט מיר ברענגען דאָס ערשטע בלוי,
וואָס בליט אויפן באַרג און שפּיגלט זיך אין טוי
און בליאַסקעט ווי דער צירונג אין אַ בלויען פריבאַגין...
דער גאָלדשמיד האָט די קלייט פאַרשלאָסן,
דער צירונג האָט ניט קיין שטראַל,
און דו האָסט ניט קיין באַוואוין, יונגער מאָרגן,
און שפיכת דמים אין גאַסן
האָט דאָס טאָגליכט אָפּגעוואָרגן...

קוק ניט, ליבסטער, אויף דער נאַכט,
וואָס זיצט נאָך ברייט,
נעמט אַלצדינג איין, וואָס די ערד דעקט צו
און פאַרשליסט דעם גאָלדשמידס קלייט...
קוק ניט אויף מיין האַרץ, וואָס איז פאַריגלט
און האָט קיין טיר
און כאָוועט די שטיינער דרינען פאַרשלאָסן,

וואָס וואַקסן פון הונגער איבער די גאַסן.
גוט מאָרגן, מאָרגן, כ׳האָב געוואַנדערט א בערן מאַרק,
כ׳האָב געהונגערט מיטן קליינוואַרג,
און כ׳האָב געזוכט די מוטערס און די בענטשליכט
און מיין פאָטערס תפילה...

ניט דעם צירונג, ניט דעם כתר,
כ׳האָב געזוכט די קלייניקייטן,
די קליינע פונקען, און כסדר זיך געבעטן
אַפילו נאָר אַ קריי,
אַ קריי פון אַ האָן אין אַ פאַרטאָג...
דער טאַטע וואַשט די הענט און „זאָגט"
און דעקט מיך איין און היט מיין שלאָף
„גאָט איז אַ היטער
וועט ער דיך היטן
אַ גאַנצע נאַכט ביז אין דער פרי..."

פאַרגעס די שטיינער אין האַרצן,
דעם גאָלדשמיד׳ס פאַרשלאָסענע קלייט.
אין אַ ווינטערנאַכט אַ שווארצער
שפּאַנען קינדער איבערן וועג
מיט אַ ליכט אין די לאַמטערנס, אין די אויגן
ערגיץ מוז איך זיי געפינען.
די גאָלדענע פאַווע איז צוגעפלויגן,
כ׳האָב אַליין זיי מיטגעגעבן צו פאַרבייסן
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און אַ ביסל פון מיין האַרצן,
וואָס איז דעמאָלט וואַרעם נאָך געווען —

ס׳איז ווייט, ווייט ביז אין דער פרי,
און אין דער טיפער נאַכט ברענט מיין שטעטל רויט.
פייער! פייער אין די גאַסן! פריי אין אַלע גאַסן,
דער בית עולם אַרומגערינגלט מיט אַ פלויט

שטייט פאַרפלייצט אין וואַסער,
וואַרט.
אומזיסט.
דער מאַרק איז פּוסט,
ניטאָ קיין שריד ופליט.
דאָס טייטל פונעם דרדיקן וואָלט איך כאַטש געפונען
דעם אָנהויב נאַר,
דאָס ערשטע יאָר פון קמץ אלף אָ,
דעם אָנהייב וויאַזוי אָנהייבן אויפסניי.

וואַרט אויף מיר. לויף ניט אויף צוריק,
צי שפּילט מיין קינד אין וויג, צי שוין אין ניס,
ער בויט זיך אַ בריק פון פּאַפּיר...

די זון זיצט אין חושך
און גליווערט אירע שטראַלן אין אַ צווייג פון פראָסט,
דער שטורעם קאָוועט בלעכן, ווייסע בלעכן איבערן גאַס,
האַלט דעם לאָמטערן, מיין קרוין,
די זון זיצט אין ווינטערפּאַס
שוין אַ קימאַ לן פון יאָרן
און קיין שטערן זעט מען ניט...
איך האָב פאַרגעסן דאָס געלע גאָלד
וואָס וויגט זיך אין אַ פעלד פון קאָרן,
איך וואָגל אַלץ זיך איבער שליאַכן
און זוך — — און האָרך, צי שופרות רופן,
צי קלאַפּט אַ ווידערהאָרן אַנטקעגן וואַנט,
איך זוך דאָס חן־גריבל, ליבער, אויף דיין פּנים,
דעם פּונק אין דיין אויג, דעם הויכ'ן בויג
פון דיינע ברעמען, טיף אַריין אין שטערן.
האָסט אַ לאַנגן וועג, מיין קרוין,
און דאַרפסט זיך גאָר ניט שעמען
אפילו ווען דו קלויבסט זיך עסן טעג.

לערן, לערן, דער וועג איז לאַנג,
האַלט דעם לאַמטערן פאַרן וועג.
די ערד איז גלאַטיק ווי פאַרמעט
און גליטשיק פונעם פראָסט,
דער הימל איז אויסגעטשעקט ווי דעם לאַמפּערטס פעל
און קאָרטשעט זיך . . .

כ'האָב פאַרגעסן וואָס הייסט העל
און וואָס הייסט בלוי, בלוי,
צי איז דאָס דער שפּיגל, וואָס באָדט זיך אין טוי ?
וואָס איז העל און וואָס איז בלוי ?
די ווענט פון ערב פּסח,
דער מאַמעס שטערן־טיכל צום סדר ?
ווער האָט אַהינגעטאָן דעם בלויען געזאַנג פאַר מיינע אויגן ?
ווער האָט אָנגעטאָן אַ זאַק אויף מיינע פּלייצעס,
ווער האָט אויסגעשיט אַ ים פון גרוי פאַר מיין טיר ?

אַ ים פון גרוי פאַר מיין טיר.
אַלץ ווערט דערטרונקען דערינען,
מיינע פאַרלאַנגען און גאַלדגעל און בלוי
רזא דשבת און די געזאַנגען אין פרימאָרגן.

דער גרינער סאַמעט אונטער מיינע פיס,
גלאַטיק און יונג און פריש
ווי די רויז אויף דיינע באַקן,
די רויז, וואָס איז געווען דיין האַרץ
רויט און וואַרעם אָן אַ שיעור,
און דאָס גרין אין דער קרוין פון א בוים,
אַלץ ליגט אין א ים פון גרוי פאַר מיין טיר.

. . . איך טראָג אַ פאָן פון גאָלד,
אין אַ קרימזין־רויטן עפּל ברענט אַ ליכט פון גאָלד,

מיך פירט ביי דער האַנט אַ פרינץ אין בגדי משי
אין עושר און אין כבוד שפּאַנט פאַמעלעך
אָפּגעבן כבוד דעם מלך עליון
אַ פרינץ אין אַ גאָלדענעם פרימאָרגן
אַלע ליכטער טאַנצן, און העגנלייכטער טאַנצן,
דער אָרון קודש איז אָפן,
די שול איז לייכט ווי אַ געצעלט,
די ליכטער און די אויגן גלאַנצן צום הימל:
פתחו לי שערי צדק...

ווייסע שטערן פאַלן פון הימל,
שוועבן אין דער לופט, פאַלן, פאַלן, פאַלן
ווייך צו דער ערד,
קאַפּל שפּאַנט די פערד,
די לייצעס אין האַנט,
שווישטשעט מיט דער בייטש,
און דער ווייסער שימל
דערפילט אַ וואַרעמען שטראַל
פון די פיס ביז צו דער טשופּרינע.

דער גאַנצער שטח ווייס
און דער פראָסט וועבט אויס מיין ליד
אויף דער וויטרינע.
דער שליטן גליטשט זיך איבערן אייז,
דער גליווער סקריפּעט אונטער די פיס
און דער טייך האָט אויסגעשמידט
אַ שילד פון אייז.
„די צייט איז ניט מיין" — זינגט דאָס אייז,
„די נאַכט איז ניט מיין" —
גלעקלעך קלינגען איבערן שליאַך
און דער קלינג־קלאַנג איז פאַרשלונגען פון ווייס.
בעת דער מאָרגן זיצט אויף

מיין שכנ׳ס דאַך,
איז גאָר שטיל,
די בוימער באַדעקט דער פוך פון שווייגן.
אַ ווינט בלאָנדזשעט אין די צווייגן,
וואָיעט און הערט ניט קיין ווידערקול.
די גלעקלעך קלינגען און דער וואַלד
חלומט פון זינגען און פרימאָרגן.
זיי שלאָפן אין די היילן, זינגט דער וואַלד,
זיי שלאָפן דעם טיפן לאַנגן שלאָף
און וועלן קיינמאָל ניט קענען דערציילן פון חדר...